ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# השבת

ערשטער טייל
ערשטער קאפיטל
אידיש

727

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# ספר השבת

# SEFER HASHABAT

TRANSLATED FROM HEBREW

By

I. J. SCHWARTZ

FARBAND BOOK PUBLISHING ASSOCIATION, Inc.

New York

1947

# סֵפֶר הַשַּׁבָּת

## שבת אין אידישן לעבן דורך אלע דורות

איבערזעצט פון העברייאיש

פון

## י. י. שווארץ

ערשטער טייל

ארויסגעגעבן פון

פאַרבאַנד ביכער־פאַרלאַג

געגרינדעט פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

ניו יארק — 1947

Copyright, 1947, by
Farband Book Publishing Association, Inc.
45 East 17th Street, New York 3, N. Y.

*Printed in U.S.A. by*
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 EAST 4TH STREET, NEW YORK 3, N. Y.

# אינהאַלט

## ערשטער קאַפּיטל


אריינפיר ........................................ א. מענעס
פון דער תורה........................................ 3
פון נביאים וכתובים........................................ 6
פון די אַפּאָקריפן........................................ 13
פון די באַהאַלטענע ספרים........................................ 15
פון דער אידיש־נריכישער ליטעראַטור........................................ 18


## צווייטער קאַפּיטל


פון תלמוד און מדרש........................................ 31
פון דער גאונים־ליטעראַטור........................................ 59


## דריטער קאַפּיטל


ראשי־פרקים של הלכות שבת (לויט דעם רמב״מ׳ס „משנה תורה״)...... 65
ר׳ שלמה יצחקי (רש״י) — וועגן שבת........................................ 75
ר׳ יהודה פון באַרצעלאָנאַ — פון „ספר־העתים״........................................ 79
ר׳ יצחק פון ווין — פון ספר „אור זרוע״........................................ 80
ר׳ צדקיהו הרופא פון רוים — פון ספר „שבלי הלקט״........................................ 82
ר׳ יוזפא הלוי — שבת און בר־מצוה........................................ 84
רבנו יהודה החסיד — פון „ספר חסידים״........................................ 84
פון „מנהגי מהרי״ל״........................................ 88
פון „מנהגי האר״י״........................................ 89
ר׳ ישעיה הלוי הורוויץ — פון „שני לוחות הברית״........................................ 89
ר׳ יוזפא האן ניידלינגען — פון „יוסף אומץ״........................................ 92
ר׳ אליהו מווילנא (הגר״א) — פון אַ בריוו........................................ 99
פון ר׳ יעקב עמדינ׳ס סידור........................................ 100
ר׳ חיים יוסף אזולאי — פון „עבודת הקודש״........................................ 102
פון סידור „אור זרוע לצדיק״........................................ 104
ר׳ אברהם דאנציג — פון „חיי אדם״........................................ 107
ר׳ משה מרדכי ששון — פון ספר „דבר־בעתו״........................................ 108
ר׳ אברהם טריסקער — פון „מגן־אברהם״........................................ 111
לעאָפּאָלד צונץ — קריאת התורה און די שבת׳דיקע דרשה........................................ 111
ר׳ יצחק בער לעווינזאָן — פון „זרובבל״........................................ 114
ספּעציעלע שבתים........................................ 119

ר׳ יהודה הלוי — פון ספר הכוזרי........................ 125
ר׳ משה בן מיימון (רמב״ם) — פון „מורה נבוכים״........................ 128
ר׳ אברהם אבן־עזרא — די קדושה פון שבת........................ 129
ר׳ שמואל בן מאיר — פון זיין פירוש אויף דער תורה........................ 130
ר׳ משה בן נחמן (רמב״ן) — פון זיין פירוש אויף דער תורה........................ 131
ר׳ דוד קמחי (רד״ק) — פון זיין פירוש אויף דער תורה........................ 132
ר׳ שלמה בן אדרת (רשב״א) — שבת איז די וועלט פאַרפולקאָמט געוואָרן........................ 133
ר׳ בחיי בן־אשר — די מצוה פון ליכט בענטשן........................ 133
ר׳ יצחק עראמה — פון „עקידת יצחק״........................ 136
ר׳ יוסף אלבו — פון ספר „העיקרים״........................ 141
דאָן יצחק אברבנאל — פון זיין פירוש אויף דער תורה........................ 142
ר׳ משה ברי יוסף (פון טראני) — שבת איז באַנייט געוואָרן ביי מתן־תורה........................ 145
ר׳ משה אלשיך — פון זיין פירוש אויף דער תורה........................ 145
ר׳ אליהו דע ווידאַש — פון „ראשית חכמה״........................ 147
מהר״ל פון פראג — פון „גבורות ה׳״........................ 148
ר׳ אליהו גאון פון ווילנע (גר״א) — עונג־שבת........................ 149
ר׳ שניאור זלמן לאדיער — דער אונטערשייד צווישן בית־שמאי און בית־הלל........................ 150
ר׳ משה חיים לוצאטו — דאָס אָפּהיטן פון צוויי שבתים........................ 151
ר׳ יעקב המגיד (דער דובנער מגיד) — שבתים און יום־טובים זיינען געגעבן געוואָרן צו פאַרבעסערן דעם מענטשנס מידות........................ 151
ר׳ חיים טשערנאָוויץ — פון „סדור של שבת״........................ 153
ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער — גאָט ברוך הוא האָט תענוג פון דער שמחה פון שבת........................ 154
נפתלי הערץ וויזל — ווען גאָט האָט פאַרענדיקט מאַכן די וועלט — האָט ער געמאַכט רוען אין איר די שכינה........................ 155
ר׳ מרדכי טשערנאָבילער — צוויי מינים רו........................ 156
ר׳ ישראל בעל שם־טוב (בעש״ט) — „זיי זאָלן זאַט ווערן און האָבן תענוג״........................ 157
ר׳ חיים אריה לייב (פון יעדוואבניע) — די שבת׳דיקע הוצאות מאַכן רייך דעם מענטשן........................ 158
ר׳ שמעלקע פון ניקלסבורג — אַ מענטש דאַרף זיין צוגעגרייט פאַר דער קדושה פון שבת........................ 159
ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָן — די מורא פון שבת........................ 160
ר׳ יוסף בריסקער — מיטן שבת האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי־באַשאַף........................ 161
ר׳ אהרן לעווין (רב פון ריישע) — מיטן אָנקומען פון שבת ווערט געענדיקט דעם מענטשנס אַרבעט........................ 162
ר׳ שבתי אבן־בודד — אַרבעטן אין דער וואָכן איז אַ מצוה........................ 163
ר׳ שמואל דוד לוצאטו — די מצוה פון שבת........................ 164
ר׳ שמשון רפאל הירש — די קדושה פון שבת איז אויף אייביק........................ 165
ר׳ משה נאַכט — די שבת׳דיקע רו פרישט אָפּ דעם מענטשנס כוחות........................ 167
ר׳ ישראל מאיר הכהן (חפץ חיים) — דער שבת איז אַ צייכן פאַרן פאָלק ישראל........................ 168
זאב יעבץ — די שבת׳דיקע נשמה־יתירה........................ 173
יצחק ניסנבוים — דער כח פון שבת........................ 175

הרב א. י. קוק — דער זכות פון שבת איז דער וועג צו גאולה............ 176
ר׳ משה אביגדור עמיאל — דער אונטערשייד צווישן דעם אידישן
שבת און דעם גוישן טאָג פון רו........................................ 177
פּראָפ. הערמאַן כהן — וועגן שבת........................................ 178
פּראָפ. דוד ניימאַרק — פון „תולדות העקרים בישראל״................... 184
פּראָפעסאָר באַרט — דער אידישער שבת און דער באַבילאָנישער שבת 186
הרב צבי נאָבעל — דער שבת................................................ 190

## פינפטער קאַפּיטל

קבלה און חסידות — פון „זוהר״.......................................... 199
ר׳ יוסף גיקטיליה — שבת איז דער טויער פון עולם־הבא................. 206
ר׳ אליהו דע־ווידאש — פון „ראשית חכמה״................................ 208
ר׳ יוסף קארו — פון „מגיד מישראל״........................................ 208
פון שני לוחות הברית........................................................ 210
ר׳ יעקב יוסף הכהן — פון „תולדות יעקב יוסף״............................ 213
ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער................................................ 215
ר׳ דוד מעזריטשער.......................................................... 217
ר׳ פנחס קאָרעצער — פון „מדרש פנחס״.................................... 217
ר׳ נחום טשערנאָבילער — פון „מאור־עינים״................................ 217
ר׳ ישראל דער קאָזשעניצער מגיד........................................... 218
ר׳ שמחה בונים פון פשיסכע — די צירונג פון שבת........................ 219
ר׳ נחמן בראצלאווער — שמחה איז דער עיקר פון כבוד־שבת............. 220
ר׳ מנחם מענדל קאָצקער.................................................... 221
ר׳ אברהם סאָכאטשאָווער — וועגן „זכור״ און „שמור״.................... 221
ר׳ יהושע בעלזער — די מלאכי השרת און די מלאכי השלום............... 221
ר׳ מרדכי טשערנאָבילער — שבת מיינט שלימות............................ 222
ר׳ יוסף סאמיגה — פון „מקראי קודש״...................................... 222
ר׳ ברוך פון מעזבוזש — שבת איז גרעסער פון עולם הבא................. 223
ר׳ נפתלי ראָפּשיצער — פון „אהל נפתלי״.................................. 224
ר׳ יחיאל מיכל זלאָטשאָווער — פון „מים רבים״............................ 224
ר׳ יצחק מאיר פון גור....................................................... 225
ש. מ. גשורי — דאָס שבת׳דיקע זינגען ביי די מקובלים און די חסידים 225

## זעקסטער קאַפּיטל

פּראָפ. א. מאַרמאָרשטיין — שבת אין גלות אין די צייטן פון די
אמוראים ................................................................ 231
פון מסעות ר׳ יצחק חילו.................................................... 234
פון „מסעות רבי עובדיה מברטנורא״......................................... 235
פון די רייזע־באַשרייבונגען פון קאראאים שמואל יעמש״ל................ 237
פון די רייזע־באַשרייבונגען פון קאראאים משה ירושלמי.................. 238
פון די רייזע־באַשרייבונגען פון ר׳ שמחה בר׳ יהושע...................... 238
יעקב ספיר הלוי — פון „אבן־ספיר״......................................... 239
ישראל בן יוסף בנימין — פון „ספר מסעי ישראל״.......................... 244
אפרים דיינארד — די שבת־מנהגים פון די קרימער קאראאימען............ 245
צבי כשדאי — שבת אין סיביר................................................ 247
שלמה ריינמאן — שבת אין עדת „בני ישראל״ פון באָמביי.................. 248

דר. פ. פייטעלאָוויטש — שבת ביי די אידן פאַלאַשן ........ 249
אליעזר הלוי — די שבת מנהגים ביי די שומרונים ........ 249
י. בן־צבי — פון „ספר השומרונים" ........ 251
נחום סלושץ — שבת ביי די אנוסים ........ 251
צבי כשדאי — שמירת שבת ביי די רוסישע גרים ........ 253
א. מ. לונץ — שבת אין ירושלים און אין אנדערע שטעט פון ארץ־
ישראל ........ 257
ר׳ יצחק יחזקאל יהודה — שבת ביים כותל מערבי ........ 259
י. מ. סופר ........ 260
צבי הירש מאַסליאַנסקי — שבת אין ווילנע ........ 261
שמואל ראפאָפּאָרט — שבת אין גאַליציע ........ 261
בן־מנחם — שבת ביי די אידישע פויערים פון מאַרמאָרעש ........ 265
יוסף בן פנחס עוזיאל — שבת אין סאַלאָניקי ........ 265
אַלעקסאַנדער קיילאַנד — שבת אין סאַלאָניקי ........ 271
א. י. ברור — שבת אין חלב (ארם־צובא) ........ 272
וו. י. פישל — שבת ביי די אנוסים פון פערזיע ........ 273
ר׳ בנימין — שבת אין קאַאירא ........ 273
פראָפ. נחום סלושץ — שבת אין ראָדאָס ........ 273
י. אלימלך — שבת אין בערלין ........ 274


## זיבעטער קאַפּיטל

## לעגענדעס און תענוגים פון שבת


ר׳ גרשון ב״ר אליעזר — דער טייך סמבטיון ........ 283
ר׳ משה ריישער — אריאל ........ 285
ברוך עוזיאל — א מעשה מיט א רב און א טערק א פרוכטהענדלער ........ 287
בערטאָלד אויערבאַך — א מעשה מיט א פרומען מאַן ........ 288
מרדכי בן יחזקאל — פאַר די שבת׳דיקע הוצאות ........ 288
יוסף מיוחס — חלול־שבת און די שטראָף דערפאַר לויט דער אראבי־
שער לעגענדע ........ 291
ר׳ מרדכי ששון — דער עונש פאַר חילול־שבת ........ 297
מיכה יוסף בערדיטשעווסקי — דער כח פון שבת׳דיקן דאַווענען ........ 298
א. ל. גראָסמאַן — א חסידישע מעשה וועגן בעש״ט ........ 300
יהודה עלזעט — די שבת׳דיקע מאכלים ........ 310
וויצן און גלייכווערטלעך ........ 332
שמירת שבת ביי די אומות העולם ........ 337
קלמן שולמאַן — גריכישע און רוימישע שרייבער וועגן שבת ........ 339
א. יעלינעק — דער שבת האָט באַצוואונגען די וועלט ........ 341

# אַ וואָרט פון די אַרויסגעבער

דער פאַרבאַנד־פאַרלאַג, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן סוף לעצטן יאָר, וועט אין פאַרלויף פון יאָר 1947 אַרויסגעבן דריי ביכער: „ספר השבת״, איבערזעצט פון העברייאיש פון י. י. שוואַרץ, אין צוויי טיילן, און דער דריטער בוך וועט זיין אין ענגליש, אַן אַנטאָלאָגיע וועגן די טעאָרעטיקער, גרינדער און בויער פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דער וועלט.

די גענעראַל עקזעקוטיווע פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד האָט געגרינדעט דעם פאַרלאַג האָבנדיק דעם באַוואוסטזיין, אַז דאָס אידישע אַמעריקע מוז איצט אַנטוויקלען אַ גרויסע שעפערישע קולטור־טעטיקייט, כדי נישט צו לאָזן איבעררייסן די גאָלדענע קייט פון אידישן שאַפן און כדי מיטצוהעלפן אויספילן די גרויסע קולטור־פאַרלוסטן, וואָס אונזער פאָלק האָט אַזוי שווער געליטן אין די לעצטע טראַגישע יאָרן.

עס איז דערפאַר ניט קיין צופאַל, וואָס דער פאַרבאַנד איז איצט צוגעטראָטן צו שאַפן אַ פאַרלאַג אַרויסצוגעבן אָריגינעלע און איבערגעזעצטע ווערק אין אידיש, העברייאיש און ענגליש וועגן די פּראָבלעמען פון אידן און אידישקייט, איבער פראַגן פון דער אידישער פאַרגאַנגנהייט און צוקונפט און וועגן דעם לעבן פון אַמעריקאַנער אידנטום.

מיר שטעלן זיך אַלס אויפגאַבע צו באַקענען דעם אידישן לייענער, ווי אויך די אונטערוואַקסנדע יוגנט מיט די אוצרות פון אידישן שאַפן אין לויף פון אַלע דורות פון דער אידישער געשיכטע.

דער פאַרלאַג ווערט פיל געהאָלפן פון דעם ענדאָומענט פאָנד פאַר הונדערט טויזנט דאָלער, וואָס דער פאַרבאַנד האָט אָנגעהויבן שאַפן מיט אַ צייט צוריק און וואָס האָט געקראָגן אַזאַ וואַרימען אָפּרוף צווישן חברים און פריינט פון פאַרבאַנד.

צום סוף פון בוך ווערט פאַרעפנטלעכט אַ ליסט פון די חברים, וואָס האָבן בייגעטראָגן צום ענדאָומענט פאָנד, און האָבן מעגלעך געמאַכט, אַז דער פאַרבאַנד־פאַרלאַג זאָל אָנהייבן פונקציאָנירן.

מיט דער גרינדונג פון פאַרבאַנד-פאַרלאַג איז די פאַרוואַלטונג גלייכצייטיק צוגעטראָטן צו שאַפן אַ ביכער-קלוב, לויטן מוסטער פון די גרויסע ענגלישע ביכער-קלובן, פון טויזנטער שטענדיקע אַבאָנאַ-מענטן. אַ גרויסע צאָל פאַרבאַנד-חברים און פריינט פון דער אידישער קולטור האָבן זיך שוין ביז איצט אָנגעשלאָסן אין דעם ביכער-קלוב. מיר האָפן, אַז מיט דער דערשיינונג פון די ערשטע דריי ביכער, וואָס דער פאַרבאַנד-פאַרלאַג גיט אַרויס אין יאָר 1947, וועט דער ביכער-קלוב פאַרגרעסערט ווערן מיט נאָך טויזנטער לייענער. מיר זיינען זיכער, אַז די חברות און חברים פון פאַרבאַנד וועלן שטיצן די וויכ-טיקע קולטור-אונטערנעמונג און העלפן פאַרשפּרייטן די ביכער פון פאַרבאַנד-פאַרלאַג.

**פאַרבאַנד ביכער־פאַרלאַג**

גענרינדעט פון

**אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד**

ניו יאָרק, יולי, 1947.

א. מענעס

# שבת – דער אידישער טאָג און די אידישע אידייע

שבת קודש, דער הייליקער טאָג שבת, איז במשך פון דורות און דורות געווען און געבליבן דער סימבאָל פון אידיש לעבן. שבת איז דער אידישער טאָג אָבער אויך, און אפשר קודם כל, די אידישע אידעע. א סך מער ווי ביי אַנדערע ימים טובים איז ביי שבת גילטיק דער כלל — סוף מעשה במחשבה תחילה; פריער איז געווען די שבת־אידעע, ערשט שפּעטער איז געקומען די שבת־ווירקלעכקייט. ווארום שבת איז א סך מער ווי בלויז אַ טאָג פון אָפּרו, אַ טאָג פון ניט־טאָן. כאַראַקטעריסטיש פאַר שבת איז גראַד, וואס מען טוט יע שבת, וואָס מען מאַכט פון ישבת און ווי מען מאַכט שבת. גאָט האָט פאַרענדיקט באַשאַפן די וועלט — דערציילט אונז א מדרש — ניט אין זעקס טעג, נאָר אויפן זיבעטן טאָג, ווארום ערשט אין דעם זיבעטן טאָג האָט גאָט באַשאַפן דעם שבת. און כל זמן עס איז ניט געווען קיין שבת אויף דער וועלט איז די וועלט ניט געווען פאַרענדיקט. דעריבער, דערקלערט דער מדרש, שטייט געשריבן: ויכל אלהים ביום השביעי מלאכתו אשר עשה. שבת איז די אידישע אידעע וועגן דעם זין פון דער וועלט און דעם פּלאַן פון דער וועלט־געשיכטע, וועלכע קען געפינען איר תיקון נאָר אין דעם וועלט־שבת, אין דעם יום שכולו שבת, ווי די משיח־צייט ווערט באַצייכנט אין דער אידישער טראַדיציע. שבת איז אָבער נאָך מער ווי אַן אידעע. אין דער אגדה און קבלה־ליטעראַטור באַווייזט זיך פאַר אונז די שבת־געשטאַלט אין איר פולער פּראַכט. עס איז די פערזאָניפיצירונג פון דער העכסטער, געלייטערטער גייסטיקייט. שבת איז די נשמה יתרה פון דער וועלט, און דערפאַר זינגען אונזערע מיסטישע דיכטער מיט אַזוי פיל הייליקייט און דערהויבנקייט זייערע פיוטים און זמירות לכבוד דער בת מלכה שבת.

די מאָטיוון פון שבת פירן אונז אַריין אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון אידישן געדאַנק וועגן צייט, געשיכטע און אייביקייט. צום אידישן פאָלק האָט זיך די געטלעכע השגחה אַנטפּלעקט ניט אין די מאַניפעסטאַציעס פון נאַטור־לעבן, נאָר אין די גרויסע קריזיסן פון דער געשיכטע. די אידן האָבן דערפאַר קיינמאָל ניט פאַרגעטערט די בלינדע כוחות פון דער נאַטור. דער בליק פון די גרויסע אידישע דענקער איז תמיד געווען געווענדעט צום מענטשן און צו דער געשיכטע פון די פעלקער. דער גורל פון מענטשן און פעלקער איז פאַר די אידישע נביאים געווען ניט קיין רעזולטאַט פון שפּיל פון צופאַל, נאָר איז פון זיי באַטראַכט געוואָרן ווי אַ טייל פון אַ גרויסער וועלט־

היסטאָרישער דראַמע. און דער גרונט־מאָטיוו פון אָט דער וועלט־היסטאָרי־שער דראַמע איז — דער כסדר׳דיקער קאָנפליקט צווישן גלות און גאולה. מיטן פאַקט פון גלות הויבט זיך אייגנטלעך די וועלט־געשיכטע אָן — עס איז די פאַרטרייבונג פון די ערשטע מענטשן פון גן־עדן. זינט יענער אור־קאַ־טאַסטראָפע איז — לויט דער ביבלישער פאָרשטעלונג — די וועלט אין גלות, ווייט פון גאָט און ווייט פון גערעכטיקייט. אויך דער אָנהויב פון דער אידישער געשיכטע שטייט אונטערן צייכן פון גלות און גאולה — פון שעבוד מצרים און יציאת מצרים. און דער גאַנצער ווייטערדיקער וועג פון אידישן פאָלק איז איין לאַנגער אומאונטערבראָכענער קאַמף צווישן די פינסטערע קליפות פון גלות און די הייליק־לויטערע פונקען פון גאולה.

די ערשטע קאַפּיטלעך פון בראשית מאָלן אונז א בילד פון דער מאָראַלישער ירידה פון דעם מענטשן און פון דער וועלט. די דאָזיקע טיף־פּעסימיסטישע שטימונג קומט דייטלעך צום אויסדרוק אין דעם וואָרט־שפּיל אדם — אדמה (מענטש־ערד) : פון דער ערד איז דער מענטש באַשאַפן געוואָרן; די ערד מוז ער באַאַרבעטן; און צו דער ערד מוז ער זיך צוריקקערן. אָט די טראַגישע גורל־פאַרבונדנקייט צווישן מענטש און ערד באַאומרואיקט אַזוי שטאַרק דעם אידישן דענקער. ער ווייס, אַז דער מענטש איז בארופן צו מער, אַז ער האָט אַ העכערע שליחות אויף דער וועלט, און ער קען דערפאַר נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז מיט די וואָכנדיקע טעג, מיט די טעג פון אַר־בעט, זאָרג און פּיין, קען ווערן אויסגעפּילט דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן. דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פון דעם אַרבעטס־מענטשן איז שווער, אין שווייס פון זיין פּנים עסט ער זיין ברויט. דערנער און ווילדע פּירות — קלאָגט זיך דער דיכטער פון חומש — וואַקסן פון זיך אַליין, אָבער פאַרן שטיקל ברויט, וואָס דער מענטש דאַרף האָבן פאָדערט די ערד שווערע אַרבעט. דער אידישער געדאַנק האָט דעם דאָזיקן צושטאַנד בשום אופן ניט געקענט באַטראַכטן פאַר אַן ענדגילטיקן. דעם ענטפער האָבן אידן געפונען אין דעם משיח־גלויבן, וואָס איז אפשר דאָס העכסטע צו וואָס דער אידישער רעיון איז דערגאַנגען. אָבער אפילו די משיח־אוטאָפּיע האָט דעם אידישן אַרבעטס־מענטשן ניט געקענט געבן די פולע באַפרידיקונג. אויך איצט, אין דער פון גאָט פאַרשאָלטענער וועלט, וויל דער מענטש זיך אַמאָל באַפרייען פון די טאָג־טעגלעכע זאָרגן און נויטן, וויל ער אַמאָל, לפּחות אויף אַ קורצער צייט, געניסן דעם טעם פון גן עדן און משיח־צייט. צו דעם צוועק האָט ער נאָך פון דער גליקלעכער גן־עדן צייט געראַטעוועט אַ קליינעם רעשט פאַר דער געגנוואַרט אין דער געשטאַלט פון שבת, דעם טאָג פון מנוחה און קדושה, ווען דער מענטש ווערט באַפרייט פון זיין צוגעבונדנקייט צו דער ערד און ווען ער קען זיך ווידער דערנענטערן צו זיין גייסטיקן שורש.

א מדרש דערציילט: אין דעם זעקסטן טאָג פון דער בריאה האָט גאָט באַשאַפן דעם מענטשן. אין דעם זעלביקן טאָג, פרייטיק, האָט זיך דער מענטש פאַרזינדיקט און זיין שטראָף וואָלט געווען זייער אַ שווערע. איז אָבער אָנגעקומען דער טאָג שבת, דער פון גאָט געבענטשטער טאָג. האָט זיך דער שבת איינגעשטעלט פאַרן מענטשן און האָט געזאָגט צו גאָט ברוך הוא: האַר פון דער וועלט! אין די זעקס טעג פון באַשאַף איז קיין איינציקער פון דיינע ברואים ניט אומגעקומען, ווילסטו מיט מיר אָנהויבן? איז דאָס מיין קדושה און איז דאָס מיין ברכה? איז אדם הראשון ניצול געוואָרן פון דעם דין פון גיהינום אין זכות פון שבת. און ווען אדם האָט געזען דעם כוח פון שבת האָט ער אָנגעהויבן זינגען: מזמור שיר ליום השבת!

***

די זעקסטעגיקע אַרבעטסוואָך מיטן זיבעטן אָפּרו־טאָג, שבת, פאַרנעמט בכלל אַ פּלאַץ פאַר זיך אין אונזער קאַלענדאַר־סיסטעם. דער טאָג, דער חודש און דאָס יאָר זיינען אונז געעבן געוואָרן פון דער נאַטור, זיי זיינען פאַרבונדן מיט די באַוועגונגען פון דער זון און פון דער לבנה לגבי דער ערד, ווי זיי ווערן געזען פון אונז. דער חשבון פון דער זיבנטעגיקער וואָך אָבער האָט צום אַסטראָנאָמישן קאַלענדאַר קיין שום שייכות ניט. די וואָך איז אויסשליסלעך אַ פּראָדוקט פון מענטשלעכן שכל. דאָס האָט דער מענטש געמאַכט דעם פּרואוו זיך צו עמאַנציפּירן פון דער נאַטור, צו באַווייזן זיין זעלבסטשטענדיקייט, זיין אויטאָנאָמיע אין די ראַמען פון אַ געבונדענער וועלט. מיט דער זיבנטעגיקער וואָך האָט דער איד געשאַפן זיין אייגענעם ריטם פון אַרבעט און אָפּרו, זיין אייגענעם סדר פון די טעג און די צייטן.

דער מאָדערנער מענטש, וואָס איז אַזוי צוגעוואוינט צו דער זיבנטעגיקער וואָך, קען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, אַז עס איז אַמאָל געווען אַ צייט, ווען מען האָט נאָך ניט געוואוסט פון דער וואָך און פון דער ריטמישער איינטיילונג אין טעג פון אַרבעט און טעג פון אָפּרו. דער אמת איז, אַז עס זיינען נאָך היינט פאַראַן קולטור־פעלקער, וועלכע האָבן ניט אונזער וואָך־רעכענונג און וועלכע האָבן אויך ניט דעם נאָרמאַלן, פּעריאָדישן אָפּרו־טאָג. אפילו די מערב׳דיקע קולטור־פעלקער, וואָס האָבן ביי אונז אידן איבערגענומען די זיבנטאָגיקע וואָך, האָבן ביז גאָר ניט לאַנג ניט אַזוי שטרענג אָפּגעהיט דעם געבאָט צו רוען אין דעם זיבעטן טאָג. אין אַ סך קולטור־לענדער איז נאָך במשך פון גאַנצן 19־טן און אפילו נאָך אין אָנהויב פון אונזער יאָרהונדערט די פּולע, זיבנטאָגיקע אַרבעטסוואָך ווייט ניט געווען קיין זעלטנהייט. דאָס איז באַזונדערס נוגע דעם האַנדל, וואו מען האָט געאַרבעט כמעט די גאַנצע 365 טעג פון יאָר. עס איז מחמת דעם ווייט ניט קיין גוזמא צו זאָגן: אַז די

איינפירונג פון שבת איז ניט נאָר דער ערשטער, נאָר, קולטור־היסטאָריש באַטראַכט, בלי ספק דער באַדייטנדסטער פּרואוו צו רעגולירן די אַרבעטס־צייט און צו באַפרייען דעם מענטשן פון דעם שטענדיקן כסדר׳דיקן יאָך פון אַרבעט און זאָרג. שבת האָט אָבער דעם מענטשן באַפרייט ניט נאָר פון דער קללה פון „בזעת אפיך תאכל לחם״, נאָר אויך פון דער שווערער משא וואָס האָט אַזוי אָפט געדריקט אויפן אַרבעטס־מענטשן מחמת דעם אומגערעכטן סדר העולם.

א תלמודישע אגדה דערציילט: ווען משה איז צום ערשטן מאָל אַרויס צו זיינע ברידער און האָט געזען זייער שווערע אַרבעט איז ער געקומען צוריק צו פּרעה׳ן, דעם קעניג פון מצרים, און האָט צו אים געזאָגט: אויב אימיצער האָט אַ קנעכט און ער לאָזט אים ניט אָפּרוען איין טאָג אין וואָך, קען ער שטאַרבן. און דיינע קנעכט, אויב דו וועסט זיי ניט געבן איין טאָג אין וואָך רו, וועלן זיי אומקומען. האָט פּרעה צו אים געזאָגט: גיי און טו ווי דו פאַרשטייסט. איז משה אַוועק צו זיינע ברידער און האָט פאַר זיי באַשטימט דעם טאָג שבת פאַר אַן אָפּרו־טאָג.

שבת איז בכן, לויט דער אגדה, דער ערשטער און עלטסטער אידישער יום טוב; אפילו נאָך עלטער ווי פסח, דעם יום טוב פון אידישער פריהייט, ווען פון די קנעכט אין מצרים איז געוואָרן דאָס פאָלק ישראל. עס איז בכל אופן ריכטיק, אַז די שבת־אידעע ליגט אין יסוד פון אַלע אידישע ימים טובים, און די געבראַכטע אגדה האָט בלי ספק געשעפּט פון דעם קוואַל פון דער גאַר אַלטער אידישער טראַדיציע. וואָרום שבת איז לכל הדעות שוין אין דער צייט פון תנ״ך באַטראַכט געוואָרן ווי דער וויכטיקסטער אידישער יום טוב. אין די עשרת הדברות, וואו עס ווערן אויסגערעכנט די צען רעליגיעז־עטישע עיקרים פון דער אידישער אמונה, ווערט פון אַלע ימים טובים בלויז שבת דערמאָנט: „געדענק דעם טאָג שבת, אים צו האַלטן הייליק (זכור את יום השבת לקדשו״). צוויי מאָטיווירונגען ווערן אונז אין חומש געגעבן פאַר דער אויסערגעוויינ־לעכער וויכטיקייט פון דער מצוה פון שבת: אין שמות (כ׳, י״א) ווערט שבת פארבונדן מיט דער געשיכטע פון מעשה בראשית: „וואָרום אין זעקס טעג האָט גאָט געשאַפן דעם הימל און די ערד, דעם ים, און אַלץ וואָס געפינט זיך אין זיי, און דעם זיבעטן טאָג האָט ער גערוט; דערפאַר האָט גאָט געבענטשט דעם טאָג שבת, און האָט אים געהייליקט״. אין דברים אָבער ווערט די מצוה פון שבת מאָטיווירט דער עיקר ווי אַ סאָציאַלע אינסטיטוציע: „זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן אַלע דיינע מלאכות; אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת צו ה׳ דיין גאָט, זאָלסט ניט טאָן קיין מלאכה, דו און דיין זון, און דיין טאָכטער און דיין קנעכט, און דיין דינסט, און דיין אָקס, און דיין אייזל, און אַלע דיינע בהמות, און דער פרעמדער וואָס אין דיינע טויערן; כדי דיין קנעכט

און דיין דינסט זאָלן רוען אַזוי ווי דו. און דו זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביזטו געווען אין לאַנד מצרים, און ה׳ דיין גאָט האָט דיך אַרויסגעצויגן פון דאָרטן מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם; דרום האָט ה׳ דיין גאָט דיר באַפוילן צו מאַכן דעם טאָג שבת״. עס איז אין תוך ניטאָ קיין סתירה צווישן די דאָזיקע צוויי מאָטיווירונגען. שבת איז אַ אוניווערסאַלע אינסטיטוציע, וואָס דאַרף זיין אַ טאָג פון ברכה און קדושה פאַר דער גאַנ־צער וועלט, עס איז אָבער קודם כל דער הייליקער אידישער טאָג, דער סימבאָל פון אידישער פרייהייט און פון דער אידישער אידעע פון פרייהייט און גלייכ־הייט.

ווי אַזוי האָט דער אידישער פויער געוואוסט וועלכער טאָג איז שבת? עס קען אפילו אין פלוג אויסווייזן, אַז די גאַנצע פראַגע איז ניט אויפן אָרט: וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ גרויסע חכמה צו וויסן, ווען איז שבת? דער אמת איז, אַז דאָס איז גאָרניט געווען אַזוי איינפאַך. דער איד פון דער צייט פון תנ״ך האָט זיך גרינגער געקענט געבן אַן עצה מיט אויסרעכענען די שעה׳ן פון טאָג און באַשטימען די צייט פון אָנהויב חודש און אָנהויב יאָר. די באַוועגונגען פון דער זון און דער לבנה האָבן דאָן אָרויסגעהאָלפן. ווי גיט מען זיך אָבער אַן עצה מיט די טעג פון דער וואָך? דאָ האָט מען געמוזט אָנווענדן דעם פשוט׳ן מעטאָד פון ציילן און געדענקען. דערפאַר ווערט טאַקע געזאָגט אין די עשרת הדברות: „געדענק דעם טאָג שבת, אים צו הייליקן״. (זכור את יום השבת לקדשו). עס איז מחמת דעם פאַראַן אַ גרונד משער צו זיין, אַז דער מנהג פון ספירה, פון ציילן די טעג איז לכתחילה געווען פאַרבונדן מיט דער אינסטיטוציע פון דער זיבנטעגיקער וואָך. אין דער צייט פון ספירה, אין די טעג צווישן פסח און שבועות, האָט מען אייגנטלעך געציילט ניט די טעג נאָר די וואָכן. און ווען עס פאַרענדיקט זיך דער קרייז פון די וואָכן, דער פעריאָד פון זיבן מאָל זיבן — פון זיבן וואָכן צו זיבן טעג —פייערט מען דעם יום טוב פון די וואָכן, דעם יום טוב שבועות.

פאַרוואָס איז דער מנהג פון ציילן ספירה אויפגעהיט געוואָרן נאָר פאַר די זיבן וואָכן פון פסח ביז שבועות? דערויף איז אונז היינט שווער צו געבן אַ באַפרידיקנדיקן ענטפער. מעגלעך אַז גראָד אין דער צייט פון שניט איז געווען באַזונדערס וויכטיק צו דערמאָנען די פויערים, אַז שבת דאַרף מען אָפּשטעלן די אַרבעט. אַ רמז פאַר דעם קען מען געפינען אין שמות ל״ד, כ״א: „זעקס טעג — לייענען מיר דאָ — זאָלסטו אַרבעטן און דעם זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען; אין דער אַקערצייט און שניטצייט זאָלסטו רוען״. עס ווערט דאָ, ווי מיר זעען, באַזונדערס באַטאָנט די וויכטיקייט צו רוען שבת גראָד אין דער אַקערצייט און אין דער שניטצייט, ווען עס איז פאַראַן אַזוי פיל אַר־בעט אויפן פעלד און דער נסיון איז אָפּטמאָל זייער גרויס אויסצונוצן אויך

דעם שבת׳דיקן טאָג פאַר וואָכעדיקער אַרבעט. עס איז אַ חוץ דעם אויך פאַראַן אַ אידעאישע קרובה׳שאַפט צווישן שבת און פסח. כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, וואָס דער ערשטער טאָג פסח ווערט אין חומש באַצייכענט מיטן וואָרט שבת — דער שייכות׳דיקער טעקסט אין ויקרא וועגן דער מצוה פון ספירה לייענט זיך:

„און איר זאָלט אייך ציילן פון אויף מאָרגן נאָך דעם שבת, פון דעם טאָג וואָס איר ברענגט די גאַרב פון אויפהייבונג (עמר התנופה — דער עמר איז געבראַכט געוואָרן אין אָנהויב שניט ווי אַ דאַנק־מתנה צו גאָט פאַר דער מזל־בְּרכה אויף די פעלדער) זיבן גאַנצע וואָכן זאָלן עס זיין; ביז אויף מאָרגן נאָך דעם זיבעטן שבת זאָלט איר אָפּציילן פופציק טעג און ברענגען אַ שפּייזאָפּפער פון דער נייער גערעטעניש צו גאָט״. עס ווייזט אויס, אַז דווקא אין שניט־צייט האָט מען די מצוה פון שבת־רו אָפּגעהיט מיט אַ באַזונדערער פייערלעכקייט. צוליב דעם טעם האָט דער יום טוב וואָס שליסט אָפּ דעם פעריאָד פון דער שניט־צייט, דער חג הקציר אָדער דער חג הבכורים, געקריגן דעם נאָמען שבועות־וואָכן, יום טוב פון די וואָכן.

דאָס וואָרט „קדש״ — הייליקן, קען אַ חוץ דעם אויך האָבן די באַ־דייטונג פון — פייערלעך פּראָקלאַמירן, אָנזאָגן. אַזוי פלעגט מען אָנזאָגן דאָס אָנקומען פון שבת, יום טוב און ראש חודש דורך סיגנאַלן און רעליגיעזע צע־רעמאָניעס, וועלכע ווערן אין דער תלמודישער ליטעראַטור באַצייכנט מיט די ווערטער קידוש החודש (דאָס פּראָקלאַמירן פון דעם נייעם חודש) און קידוש היום (ביים אָנקומען פון שבת און יום טוב). דאָס איז דער גרונד פאַר דעם מנהג פון קידוש און הבדלה — אויף אַ פייערלעכן אופן ווערט דער שבת אויפגענומען, און אויף אַ פייערלעכן אופן באַגלייט דער איד דעם שבת.

***

פון וואַנען קומט צו אידן די שבת־אידעע און שבת־אינסטיטוציע? פאַרשיידענע פאָרשער האָבן געפּרואווט באַווייזן, אַז אין דעם ענין שבת זיינען די אידן געווען תלמידים פון די חכמי בבל. הגם עס איז אמת, אַז אין ענינים פון קאַלענדאַר בכלל האָבן אידן אַ סך געלערנט פון דער עלטערער בבלישער קולטור, האָבן מיר שוין אָבער פריער באַמערקט, אַז די זיבנטעגיקע וואָך און דער אָפּרו־טאָג שבת פּאַסן זיך לחלוטין ניט אַריין אין דער סיסטעם פון דעם קלאַסישן בבלישן קאַלענדער. עס האָט זיך אַגב ביז צום היינטיקן טאָג ניט איינגעגעבן צו אַנטדעקן וועלכע ניט איז שפּור פון דעם אידישן שבת אין די אַלטע בבלישע דענקמעלער. מען האָט, אמת, יע געפונען אַן אַלטן בבלישן טעקסט, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז באַשטימטע טעג אין חדש זיינען ניט מזל׳דיק

און מען דאַרף זיך דעריבער אָפּהאַלטן פון צו טאָן אין זיי געוויסע אַרבעטן. אָבער די דאָזיקע ניט־מזל׳דיקע טעג פאַלן ניט צונויף מיטן אידישן שבת; זיי זיינען צוגעפּאַסט צום חשבון פון חדש און ניט פון דער וואָך. אויך לויט זייער גאַנצן כאַראַקטער האָבן זיי לחלוטין ניט צו טאָן מיט דער שבת־אידעע און די שבת־דינים ווי זיי ווערן פאָרמולירט און באַשטימט אין תנ״ך.

די עצם שבת־אינסטיטוציע איז אין תוך געווען אַ פּראָטעסט קעגן דער דעמאָלטיקער אָריענטאַלישער קולטור בכלל און דעם אָריענטאַלישן קאַלענדאַר בפרט. דערפאַר אָבער פּאַסט זיך שבת אויסגעצייכנט אַריין אין דער אידישער אידעען־וועלט און אין דעם ריטם פון אידישן סאָציאַלן לעבן און פון אידישן רעליגיעזן געדאַנק. אין דער אידישער וועלט איז שבת ניט קיין צופעליקע און ניט קיין איזאָלירטע דערשיינונג. אַ גענויערער אַנאַליז פון די געהעריקע ביבלישע טעקסטען באַווייזט, אַז מיר האָבן אין דער תורה אַ גאַנצע סיסטעם פון שבת־געזעצן, וועלכע זיינען אַלע דורכגעדרונגען מיט איין צענטראַלער אידעע — מיט דער אידעע פון גאולה און באַפרייאונג.

אין פרשה משפטים (שמות כ״א—כ״ג), די עלטסטע זאַמלונג פון אידישע געזעצן, געפינען מיר צוויי וויכטיקע סאָציאַלע געבאָטן, וואָס זיינען אידעאיש פאַרבונדן מיטן שבת געדאַנק. די פרשה משפטים הויבט זיך אָן — און דאָס איז אגב כאַראַקטעריסטיש פאַרן סאָציאַל־עטישן גייסט פון דער ביבלישער געזעצגעבונג בכלל — מיט באַשטימען די רעכט פון די קנעכט: „אויב דו קויפסט אַ אידישן קנעכט, זעקס יאָר זאָל ער דינען, און אויפן זיבעטן יאָר מוז ער ווערן באַפרייט״. נאָך זעקס אַרבעטס־יאָר קומט דער זיבעטער שבת־יאָר, דער יאָר פון פרייהייט. עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז דער געזעצגעבער האָט מיט דעם געהאַט אין זינען אַן אַלגעמיינעם יאָר, אַ יאָר פון פרייהייט פאַר אַלע קנעכט, פּונקט ווי שבת איז אַ טאָג פון פרייהייט און אָפּרו פאַר אַלע אַרבעטס־מענטשן. זיכער איז בכל אופן, אַז די עצם אינסטיטוציע פון אַ זיבן יאָריקער וואָך מיט אַ שבת־יאָר איז אין דער צייט פון תנ״ך געווען גוט באַקאַנט. די נאָענטע אידעאישע קרובה׳שאַפט צווישן שמיטה — ווי דאָס שבת־יאָר הייסט אין חומש — און שבת נויטיקט זיך ניט אין קיין שום באַזונדערע באַווייזן. שמיטה און שבת ווערן אין פרשה משפטים דערמאָנט צוזאַמען. דער טעקסט לייענט זיך:

„און זעקס יאָר זאָלסטו זייען דיין לאַנד און אַראָפּנעמען די תבואה; אָבער דאָס זיבעטע יאָר זאָלסטו דיין פעלד לאָזן פריי, די אָרימע פון דיין פאָלק זאָלן דערפון עסן, און דעם רעשט זאָלן עסן די חיות פון פעלד. אַזוי זאָלסטו אויך טאָן מיט דיין ווייַנגאָרטן, מיט דיין איילבערטגאָרטן.

זעקס טעג זאָלסטו טאָן דיין אַרבעט, און אויפן זיבעטן טאָג זאָלסטו

רוען, כדי עס זאָל רוען דיין אָקס און דיין אייזל, און עס זאָל אָפּעטעמען דער זון פון דיין דינסט און דער פרעמדער״.

אין די צייטן פון שבת און שמיטה פאַרשווינדן די סאָציאַלע אונטער־שיידן צווישן מענטשן. און פונקט ווי שבת איז אַן אָפּרו־טאָג פאַר אַלע באַ־שעפענישן, אפילו פאַר די אַרבעטס־בהמות, פאַרן אָקס און פאַרן אייזל, אַזוי געניסן פון דער פרייהייט פון שבת־יאָר ניט נאָר די אָרימע, נאָר אויך די חיות פון פעלד. אין דעם יאָר פון שמיטה ווערט אָפּגעשאַפט דאָס אייגנטום אויף דער ערד. די וועלט, וואָס גאָט האָט באַשאַפן, געהערט איצט אַלעמען, ווייל: „איין פאָטער האָבן מיר אַלע, איין גאָט האָט אונז באַשאַפן״. דערפאַר ווערן אין דעם יאָר פון שמיטה אויך די בעלי חובות — און דאָס זיינען דעמאָלט געווען דער עיקר פאַראָרימטע פויערים — באַפרייט פון זייערע שולדן: „צום סוף פון אַלע זיבן יאָר זאָלסטו מאַכן שמיטה. און דאָס איז דער דין פון שמיטה: יעטוועדער זאָל אָפּלאָזן די חובות וואָס ער האָט געליען זיין חבר; ער זאָל ניט מאָנען פון זיין חבר און זיין ברודער, ווייל מען האָט אויסגערופן שמיטה צו גאָט״.

די ענליכקייט צווישן דעם שבת־טאָג און דעם שבת־יאָר גייט נאָך ווייטער. דער ציקל פון זיבן וואָכן צו זיבן טעג, וואָס פאַרענדיקט זיך מיטן יום טוב פון די וואָכן־שבועות, האָט זיין פאַראַלעל אין דער אינסטיטוציע פון יובל: נאָך אַ פעריאָד פון זיבן יאָר־וואָכן צו זיבן יאָר קומט דאָס הייליקע פופציקסטע יאָר, דאָס גרויסע שבת־יאָר, דאָס יאָר פון פולער פרייהייט פאַרן גאַנצן פאָלק:

„און זאָלסט אָפּציילן זיבן שבתים יאָרן, זיבן מאָל זיבן יאָר; און די טעג פון די זיבן שבתים יאָרן וועלן דיר זיין ניין און פערציק יאָר. דענסטמאָל זאָלסטו לאָזן הערן דעם קול פון שופר, אין זיבעטן חודש, אין צענטן טאָג פון חודש, אום יום־כפור, זאָלט איר לאָזן הערן דעם קול פון שופר אין אייער גאַנצן לאַנד. און איר זאָלט הייליקן דאָס פופציקסטע יאָר, און אויסרופן פרייהייט אין לאַנד פאַר אַלע אירע באַוואוינער. יובל זאָל עס אייך זיין; און איר זאָלט אייך אומקערן איטלעכער צו זיין אייגנטום, און איטלעכער צו זיין משפחה זאָלט איר אייך אומקערן. יובל זאָל דאָס פופציקסטע יאָר אייך זיין... אין דעם דאָזיקן יאָר פון יובל זאָלט איר אייך אומקערן איטלעכער צו זיין אייגנטום״. (ויקרא כ״ה)

אין דעם יאָר פון יובל ווערט פאַרווירקלעכט, לפּחות אויף אַ געוויסע צייט, דער משיחיש־נביאישער אידעאַל פון סאָציאַלער גלייכהייט און ברי־דערלעכקייט. דער פאַראָרימטער פויער, וואָס איז אויס נויט געווען געצוואונגען צו פאַרקויפן זיין נחלה, באַקומט אין דעם הייליקן יובל־יאָר זיין לאַנד צוריק. דער אָרימער אַרבעטס־מענטש, וואָס האָט צוליב דער שווערער משא פון די

חובות זיך אַליין געמוזט פאַרקויפן פאַר אַ קנעכט, ווערט אינם יאָר פון יובל ווידער אַ פרייער מענטש: „איטלעכער צו זיין אייגנטום און איטלעכער צו זיין משפחה זאָלט איר אייך אומקערן״.

שבת דערמאָנט אונז אָן דער משיח־צייט. עס איז אַליין אַ שטיק משיח־צייט, דערפאַר איז שבת דער סימבאָל פון פרייהייט און שלום פאַר אַלעמען. אין סוף פון די טעג — זאָגט אונז דער נביא — וועלן די מענטשן איבער־שמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס און זייערע שפיזן אויף שנייד־מעסערס, איין פאָלק וועט ניט אויפהייבן קיין שווערד קעגן דעם אַנדער פאָלק און מען וועט מער ניט לערנען קיין מלחמה. אויך דער אייביקער קאַמף צווישן מענטש און חיה וועט אויפהערן: „און איך וועל לאָזן שליסן אַ בונד צווישן די חיות פון פעלד און די פויגלעך פון הימל, בויגן, שווערד און מלחמה וועל איך אָפּשאַפן פון דער וועלט (וכרתי להם ברית ביום ההוא עם חית השדה ועם עוף השמים וקשת וחרב ומלחמה אשבור מן הארץ. הושע ב׳, כ׳). אָפּהיטן די שבת־און שמיטה־געזעצן, סיי לגבי מענטשן און סיי אפילו לגבי די בעלי חיים, הייסט מקרב זיין די גאולה, ברענגען שלום אויף דער וועלט. היט דער איד אָפּ שבת, קומען די מלאכים פון שלום אים בענטשן, ברענגען זיי אים די ברכה פון שלום אין זיין היים אַריין; וואָלט די וועלט פאַרשטאַנען די באַ־דייטונג פון שבת, וואָלט די וועלט באַגריפן ווי צו היטן שבת, וואָלטן די מלאכים פון שלום שוין לאַנג געבראַכט די ברכה פון שלום פאַר דער גאַנצער וועלט.

***

שבת איז דער אידישער טאָג, דער צייכן פון בונד צווישן גאָט און דעם פאָלק ישראל: „און די קינדער פון ישראל זאָלן היטן שבת, צו האַלטן שבת, אויף זייערע דור דורות; אַן אייביקער בונד (ברית עולם) צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל איז דאָס אַ צייכן אויף אייביק״. (שמות ל״א) אַ באַזונדערע ראָלע האָט ווייזט אויס אין דעם פרט געשפּילט די תקופה פון גלות־בבל. די נביאים וואָס האָבן נאָך געווירקט פאַרן חורבן דערמאָנען אָפּט שבת צוזאַמען מיט אַנדערע ימים טובים, באַזונדערס ווערט שבת דער־מאָנט צוזאַמען מיט ראש חדש. אין דער צייט פון גלות בבל איז שבת גע־וואָרן דער סימבאָל פון אַנגעהעריקייט צום אידישן כלל: „און אויך מיינע שבתים — זאָגט אונז יחזקאל, דער נביא פון גלות, אין גאָטס נאָמען — האָב איך זיי געגעבן, זיי זאָלן זיין אַ צייכן צווישן מיר און צווישן זיי, צו וויסן אַז איך ה׳ האָב זיי געהייליקט (וגם את שבתותי נתתי להיות לאות ביני וביניהם לדעת כי אני ה׳ מקדשם). דאַ, אין דעם פרעמדן לאַנד, אין אַ פרעמדער ניט־אידישער וועלט, האָבן די פאַרטריבענע פון יהודה געפילט די באַזונדערע

וויכטיקייט און נויטיקייט פון אידישן טאָג. שבת איז מען זיך צונויפגעקומען, מען האָט אָפּגעפרישט די זכרונות פון דעם גרויסן עבר און מען האָט ווייטער געשפּונען דעם פאָדים פון דער אידישער געשיכטע. שבת איז דאָ געוואָרן גלייכצייטיק דער סימבאָל פון אידיש לעבן און פון אידישער האָפענונג, פון אידישן קאַמף און אידישער גאולה. שבת האָט זיך דאָ דער אידישער מענטש באַפרייט פון דעם דאָפּלטן גלות — פון דעם גלות פון די טאָג־טעגלעכע זאָרגן און פון דעם גלות פון נאַציאָנאַלער עבדות. שבת איז אָבער פאַר די פאַרטריבענע און בבל אויך געווען אַ פּראָבלעם: — ווי קען מען אָפּהיטן און האַלטן שבת אין אַ פרעמדן לאַנד, צווישן פרעמדע? אָבער גראַד ווייל עס איז געווען אַזוי שווער צו היטן שבת, איז די מצוה פון שבת געוואָרן אַלץ טייערער און הייליקער. אָפּהיטן שבת איז מיט דער צייט געוואָרן ניט נאָר דער וויכטיקסטער סימן, נאָר אויך איינער פון די וויכטיקסטע עיקרים פון אידישקייט: „וואויל צו דעם מאַן — לייענען מיר אין צווייטן טייל פון ישעיה, אין די נבואות פון נחמה — וואָס טוט דאָס דאָזיקע, און דעם מענטשן־קינד וואָס האַלט זיך אין דעם: וואָס היט שבת, אים ניט צו פאַרשוועכן, און היט זיין האַנט פון צו טאָן בייז (אשרי אנוש יעשה זאת ובן אדם יחזיק בה שמר שבת מחללו ושמר ידו מעשות כל־רע) אין דער זעלביקער צייט באַטאָנט דער נביא די אוניווערסאַלע באַדייטונג פון שבת און פון דער אידישער אמונה בכלל:

„אויך די פרעמדע וואָס באַהעפטן זיך צו גאָט,\
אים צו דינען,\
און ליב צו האָבן דעם נאָמען פון גאָט,\
אים צו זיין פאַר קנעכט;\
איטלעכער וואָס היט שבת אים ניט צו פאַרשוועכן,\
און האַלט זיך אין מיין בונד,\
זיי וועל איך ברענגען צו מיין הייליקן באַרג,\
און וועל זיי דערפרייען אין מיין הויז פון געבעט;\
זייערע בראַנד אָפּפער און זייערע שלאַכט אָפּפער\
וועלן זיין צו באַוויליקונג אויף מיין מזבח;\
וואָרום מיין הויז וועט גערופן ווערן\
דאָס הויז פון תפילה פאַר אַלע פעלקער. (ישעיה נו)

שבת איז פאַרן נביא פון נחמה, אַ סך מער ווי בלויז איינע פון די מצוות פון דער תורה. אָפּהיטן שבת הייסט — אָפּהיטן אידישקייט. אַזוי זיינען אגב די דאָ ציטירטע שטעלן פון ישעיה נ״ו אויך אויסגעטייטשט געוואָרן פון די בעלי התלמוד. אין ירושלמי נדרים לייענען מיר: „האָט גאָט ברוך הוא געזאָגט צום פאָלק ישראל: אויב איר וועט זוכה זיין צו היטן שבת, וועל איך עס אייך רעכענען ווי איר וואָלט אָפּגעהיט אַלע מצוות פון דער תורה, און אויב איר טוט פאַרשוועכן שבת, רעכן איך דאָס אייך ווי איר וואָלט פאַר־

שוועכט אַלע מצוות. ווארום אַזוי זאָגט דער פסוק: שומר שבת מחללו ושומר ידו מעשות כל רע".

ווען עזרא און נחמיה זיינען צוריקגעקומען פון בבל קיין ארץ ישראל זיינען זיי געווען איבערראַשט און דערשיטערט, וואָס גראָד דאָ, אין דעם לאַנד פון די אידישע האָפענונגען, אין דעם לאַנד פון די אבות, איז גאָטס תורה כמעט ווי „פאַרגעסן" געוואָרן און שבת איז דאָ ווענקער אָפּגעהיט געוואָרן ווי אין בבל. נחמיה דערציילט אונז: „אין יענע טעג האָב איך געזען אין יהודה ווי מע טרעט קעלטערן אום שבת, און מע ברענגט אַריין די גאַרבן, און מען לאָדט אָן אויף אייזלען, און אויך ווין, טרויבן און פייגן, און אַלערליי משׂא, און מען ברענגט אין ירושלים אין טאָג פון שבת; און איך האָב זיי געוואָרנט אין דעם טאָג וואָס זיי האָבן פאַרקויפט שפייז. אויך די צורים וואָס האָבן געוואוינט אין איר, פלעגן ברענגען פיש און אַלערליי סחורה, און פאַרקויפן אום שבת צו די קינדער פון יהודה, און אין ירושלים. האָב איך זיך געקריגט מיט די אֶדל-לייט פון יהודה, און איך האָב צו זיי געזאָגט: וואָס איז דאָס פאַר אַ שלעכטע זאַך וואָס איר טוט, און פאַרשוועכט דעם טאָג פון שבת?...

און עס איז געווען, ווי די טויערן פון ירושלים האָבן אָנגעהויבן ווערן טונקל פאַר שבת, האָב איך באַפוילן און די טירן זיינען פאַרשלאָסן געוואָרן, און איך האָב אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל זיי ניט עפענען ביז נאָך שבת; און פון מיינע לייט האָב איך געשטעלט ביי די טויערן, אַז קיין שום סחורה זאָל ניט אַריינקומען אין טאָג פון שבת. און די הענדלער און די פאַרקויפער פון אַלערליי סחורה האָבן גענעכטיקט מחוץ פון ירושלים איין מאָל און צוויי מאָל. האָב איך זיי געוואָרנט, און האָב צו זיי געזאָגט: פאַרוואָס נעכטיקט איר לעבן דער מויער? אז איר וועט עס טאָן אַ צווייט מאָל, וועל איך לייגן אַ האַנט אויף אייך (יד אשלח בכם). פון יענער צייט אָן זיינען זיי ניט געקומען אום שבת. און איך האָב אָנגעזאָגט די לויים, זיי זאָלן זיך רייניקן, און קומען היטן די טויערן, צו הייליקן דעם טאָג שבת. אויך דאָס געדענק מיר, גאָט מיינער און באַשיץ מיך לויט דיין גרויס גענאָד". (נחמיה יג)

***

צוויי מאָטיוון דאָמינירן אין דער אידישער שבת־קולטור — דער מאָטיוו פון קדושה און די אידעע פון עונג שבת. דער הייליקער טאָג איז אין דערזעלביקער צייט אַ טאָג פון פרייד, פון אָפּרו און פון גייסטיקער דערהויבנקייט. דער עונג שבת טאָר דערפאַר ניט טראָגן קיין וואָכעדיקן כאַראַקטער, נאָר מוז ווערן געאיידלט און געלייטערט דורך דער שבת'דיקער

קדושה. דערפאַר האָט דער אידישער שבת געטראָגן אַן אַנדער כאַראַקטער ווי די אָפּרו־טעג ביי די אַנדערע פעלקער. דעם ענין פון האַנדלען, קויפן און פאַרקויפן האָט מען אין דער אַלטער צייט ניט באַטראַכט פאַר קיין מלאכה. פאַר די דאָרפסלייט איז דאָס קומען אין שטאָט, אויפן מאַרק, געווען אפילו אַ שטיקל שמחה. און דערפאַר באַגעגענען מיר אָפט די פאַרבינדונג פון יום טוב און מאַרק־טאָג. דער פויער קען דאַן אויסנוצן זיין פרייע צייט סיי פאַר רע־ליגיעזע, און סיי פאַר געשעפטלעכע צוועקן. אויך מצד די האַנדלס־לייט איז אין דעם פּרט ניט געווען קיין מניעה. עס איז קוים פאַראַן נאָך אַ פּראָפעסיאָנעלע גרופּע, וואָס שפּירט אַזוי וועניק די נויטיקייט אין פעריאָדישע אָפּרו־צייטן ווי הענדלער. ביים פויער און נאָך מער ביים שטאָטישן אַרבעטער איז די באַדערפעניש אין אַ רעגולערן ריטם פון אַרבעט און אָפּרו אַ סך שטאַר־קער. די פיזישע כּוחות פון מענטשן זיינען באַגרענעצט און נאָך אַ געוויסער צייט פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט מוז דער קערפּער זיך אָפּרוען; אַ קרע־מער אָבער קען זיצן אין געשעפט פון גאַנץ פרי ביז שפּעט ביינאַכט 365 טעג אַ יאָר. זיין אַרבעט איז וועניקער קאָנצענטרירט, וועניקער אינטענסיוו און דער עיקר — ער איז וועניקער פריי צו אָרגאַניזירן זיין אַרבעטס־צייט. ער מוז זיך מער צופּאַסן צום קונה. צוליב די טעמים האָט אפילו די מאָדער־נע סאָציאַלע געזעצגעבונג זיך קודם כּל פאַראינטערעסירט צו רעגולירן די אַרבעטסצייט אין די פאַבריקן, בעת די אַרבעטס־צייט אין האַנדלס־געשעפטן איז נאָך אפילו אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אין גאָר אַ סך קולטור־לענדער געווען כּמעט ווי ניט באַגרענעצט. דעריבער האָט דער פאַקט, וואָס ביי אידן איז שבת אויך געווען פאַרווערט צו האַנדלען, געשפּילט אַזאַ אויסערגעוויינ־לעכע ראָלע אין דער אידישער געשיכטע, באַזונדערס אין די גלות־ישובים, וואו דער האַנדל איז אָפט געווען די וויכטיקסטע אידישע פּרנסה. די רעלי־גיעזע פירער פון אידישן פאָלק זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער: די הייליקייט פון שבת פאָדערט, אַז דער איד זאָל אין דעם הייליקן זיבעטן טאָג אפילו ניט ריידן וועגן וואָכעדיקע ענינים:

אז דו וועסט אָפּהאַלטן צוליב שבת דיין פוס,
פון פאַרנעמען זיך מיט דיינע עסקים אין מיין הייליקן טאָג;
און וועסט רופן שבת א תענוג,
וועסט אָפּגעבן כּבוד דעם הייליקן [טאָג] פון גאָט;

ניט צו זוכן אין אים אַ געשעפט, אָדער אָפּרעדן אַ זאַך. (ישעיה נח, יג־יד)
שבת דאַרף דער איד אפילו ניט רעדן וועגן ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו די זאָרגן פון געשעפטלעכן וואָכעדיקן לעבן (שלא יהא דבורך של שבת כּדבורך של חול). געווען פרומע אידן, וואָס פלעגן בכלל שבת ניט ריידן בלשון חול, נאָר בלשון הקודש, ווארום דער אָפּרו פון שבת מוז זיין אַ „מנוחה שלמה“,

אָן אָפּרו ניט נאָר פון קערפּער, נאָר אויך פון דער נשמה: „די מנוחה פון שבת — שרייבט פילאָן פון אַלעקסאַנדריע — ווערט פון אונז ניט אויסגע־נוצט פאַר ספּאָרט, טעאַטער־פאַרשטעלונגען און טענץ — ווי עס זיינען זיך נוהג אַ סך אַנדערע פעלקער אין זייערע ימים טובים — נאָר אויסשליסלעך פאַר ענינים פון תורה און חכמה". שבת האָט דער אידישער פאָלקס־מענטש פאַרבראַכט דער עיקר אין דער היים, אין שול און אין בית מדרש. איז טאַקע ניט קיין חידוש, וואָס אַ גריכישער דענקער באַצייכנט די אידן ווי אַ פאָלק פון פילאָזאָפן: „לויט דער גריכישער פאַרשטעלונג — שרייבט דער באַקאַנטער פאָרשער דזשאָרדזש פוט מור — איז דער אידישער בית מדרש געווען אַ מין פילאָזאָפישע שול... אויך דאָס וואָס מען האָט געלערנט אין בית המדרש, באַזונדערס דער יסוד פון מאָנאָטעאיזם און די עטישע עיקרים, איז פאַר דער גריכישער השגה געווען אַריין פילאָזאָפישע שיטה"... שבת איז ממילא גע־וואָרן דער טאָג פון אידישן גייסטיקן לעבן, פון אידישן געדאַנק.

די קדושה פון שבת טאָר אָבער ניט שטיין אין קיין סתירה צו דעם כלל פון עונג שבת, ווארום „שבת איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אייך און ניט איר צום שבת" (היא מסורה בידכם ולא אתם מסורים בידה). און די אידישע טראַדיציע האָט באַוויזן, אַז קדושת שבת און עונג שבת זיינען ניט קיין תרתי דסתרי, אַז וואָס מער קדושה אַלץ מער עונג, אַלץ ריינער, שטאַרקער און געלייטערטער איז דער עונג שבת. עס האָט זיך אָבער מיט דער צייט אַרויסגעוויזן די נויטיקייט פון געוויסע תקנות, כדי אין אויסנאַם־פאַלן צוצו־פאַסן די דינים פון שבת צו די תנאים פון לעבן. עס איז אַמאָל אַ מצוה מחלל צו זיין אין שבת (אין פאַל פון פיקוח נפש אָדער מלחמה), כדי שפּעטער צו קענען אָפּהיטן אַ סך שבתים. מיט אָט דער אויפגאַבע האָבן זיך פאַרנומען די פּרושים און די עלטערע תנאים אין דער צייט פון בית שני.

***

דער טיף רעליגיעזער איד האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן קיין גרעסערן חילול־שבת ווי מלחמה האַלטן אום שבת. די גאַנצע אידישע אמונה איז דאָך אין תוך איין גרויסער פּראָטעסט קעגן אַלע פאָרמען פון שנאה און אונטערדריקונג. דער חלום פון אייביקן שלום פאַרנעמט דערפאַר אַזאַ צענט־ראַלן פּלאַץ אין דער אידישער משיחישער ליטעראַטור. היינט ווי אַזוי זאָל דער איד אַרויסגיין אין מלחמה, פאַרגיסן בלוט, אין דעם הייליקן טאָג, אין דעם טאָג פון שלום און גאולה? איז דערפאַר ניט קיין חידוש, וואָס אידן האָבן אַלץ געטאָן, כדי אויסצומיידן חילול־שבת אפילו אין מלחמה צייטן. אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ניט אַלעמאָל קען אַ פאָלק מאַכן שבת פאַר

זיך. אין דעם גרויסן קאָנפליקט צווישן די אידן און דער גריכיש־סעלעווקי־דישער אימפּעריע אין דער צייט פון די חשמונאים האָבן די פרומע אידישע קעמפער אין דער ערשטער צייט מיט מסירת נפש אָפּגעהיט שבת. האָט איינמאָל פּאַסירט — ווערט דערציילט אין ספר חשמונאים א׳ — ווען די גרי־כישע סאָלדאַטן זיינען אָנגעפאַלן אויף די אידישע מורדים, וואָס האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן אין מדבר, אום שבת. האָבן די אידן זיך ניט אַנטקעגנגעשטעלט, און זיי זיינען אַלע אומגעקומען מיט זייערע פרויען און זייערע קינדער:

„האָבן מתתיהו און זיינע פריינט געהערט פון דער זאַך און עס האָט זיי זייער ווי געטאָן. האָבן זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן: אויב מיר וועלן אַזוי טאָן ווי אונזערע ברידער, וועלן זיי אונז באַלד אַלעמען פאַרטיליקן. און זיי האָבן דעמאָלט באַשלאָסן: אויב אונזערע פיינט וועלן אויף אונז אָנפאַלן אין דעם טאָג פון שבת, וועלן מיר אַרויסגיין אַנטקעגן זיי און מיר וועלן זיך פאַרטיידיקן, און מיר וועלן ניט שטאַרבן, ווי עס זיינען געשטאָרבן אונזערע ברידער אין זייערע באַהעלטענישן״.

מיר האָבן אין משנה און תלמוד א סך חומרא׳ס, וואָס איז שייך די דינים פון שבת, מען באַמערקט אָבער געוויינלעך ניט דעם פאַקט, אַז די בעלי המשנה האָבן גאָר אַ סך געטאָן, כדי מעגלעך צו מאַכן אָפּצוהיטן דעם הייליקן זיבעטן טאָג ווי אַ טאָג פון מנוחה און אמת׳דיקן עונג שבת. די וויכטיקסטע תקנה, וואָס די פרושים האָבן איינגעפירט, איז געווען די אינסטיטוציע פון עירוב: על פי דין טאָר מען שבת ניט אַריבערטראָגן קיין שום זאַך פון איין רשות אין אַ צווייטן רשות: פון שטוב אין גאַס, אָדער פון גאַס אין שטוב, אָדער פון איין הויז אין אַ צווייטער הויז. על פי דין טאָר מען אויך שבת ניט אַרויסגיין פון שטאָט ווייטער ווי אַ מרחק פון צוויי טויזנט איילן, א תחום שבת. דאָס האָט זייער שטאַרק געשטערט די פרייע באַוועגונג אום שבת, אפילו וואָס איז שייך דאָס סאָציאַלע און רעליגיעזע לעבן. האָט מען מחמת דעם איינגעפירט די תקנה פון עירוב, וואָס גיט די מעגלעכקייט צו פאַרוואַנדלען אַ גאַנצע קהילה אין אַ רשות היחיד. כדי צו פאַרגרינגערן די באַוועגונג אויסערן שטאָט האָט מען איינגעפירט די אינסטיטוציע פון עירובי תחומין, אַזוי, אַז אין באַזונ־דערע פאַלן קען מען גיין ווייטער ווי אַ תחום שבת. געווען עקסטרעם־ריגאָ־ריסטישע ריכטונגען ביי אידן, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מען טאָר שבת ניט לאָזן קיין ליכט און מען טאָר ניט געניסן פון מאכלים, וואָס זיינען פאַקטיש פאַרטיק געוואָרן אום שבת. די פרושים האָבן פאַרקערט באַטאָנט די געוואַלטי־קע וויכטיקייט פון בענטשן שבת־ליכט און עסן וואַרימס (חמין) ביי די שבת׳־דיקע סעודות. מען מעג בכן אַריינשטעלן דאָס עסן אין אויוון פרייטיק פאַר־נאַכט און עס לאָזן אויפקאָכן אין משך פון שבת.

און וואָס איז שייך פקוח נפש זיינען בנוגע דעם קיינמאָל קיין חילוקי דעות ניט געווען אין די קרייזן פון די פרושים. עס איז אַ מצוה מחלל שבת צו זיין אפילו אין אַ פּאַל פון אַ קליינעם חשש פון סכנה. און ווען מען פאַרנעמט זיך מיט פקוח נפש — שרייבט דער רמב"ם — טוט מען עס נישט דורך ניט־אידן און ניט דורך קנעכט אָדער פרויען — נאָר דורך די גדולי ישראל.

אידן האָבן ניט נאָר אָפּגעהיט שבת, אידן האָבן געשאַפן שבת, האָבן געמאַכט שבת: „כל המשמר את השבת כאלו עשה השבת" (מכילתא, כי תשא). און יעדער דור און יעדער יחיד האָט אויף זיין אופן געקעמפט פאַרן שבת, געשאַפן דעם שבת און געמאַכט שבת. אויפן לאַנגען וועג פון די אידישע וואָגלונגען און וואַנדערונגען איז דער שבת גאָר אָפט געווען אין גרויס סכנה. עס איז גאָרניט געווען אַזוי גרינג פאַרן אידישן ישובניק אין די פאַר־וואָרפענע דערפער פון רוסלאַנד און פוילן צו האַלטן שבת און אָפּצוהיטן שבת. אָבער ניט געקוקט אויף אַלע מניעות און אויף אַלע שוועריקייטן האָבן אידן ניט נאָר אָפּגעהיט שבת, נאָר האָבן נאָך אפילו באַרייכערט און פאַרלענגערט דעם שבת. און דער כלל פון מוסיפין מן החול על הקודש — מען דאַרף צו־געבן פון דער וואָכעדיקער צייט צו דער שבת'דיקער צייט, איז ווייט ניט געווען קיין פוסטע פראַזע. אין די תקנות פון דער חברה „פועלי צדק" אין טשאַרטקאָוו לייענען מיר: „קבלנו על עצמנו שלא לעשות שום מלאכה לא בערבי שבתות ולא בערבי יו"ט אחר חצות — מיר האָבן אָנגענומען אויף זיך ניט צו טאָן קיין שום מלאכה ערב שבת און ערב יום טוב נאָך אַ האַלבן טאָג". דאָס איז אַ תקנה, וואָס איז אָפּגעהיט געוואָרן פון פשוט'ע אידישע בעלי מלאכות. דער איד גייט אַנטקעגן דעם שבת, איז מקבל שבת, פירט אַריין דעם שבת צו זיך אין דער היים אַריין. די מיסטיקער אין צפת פלעגן אַרויסגיין אויסערן שטאָט כדי מקבל פנים זיין די בת מלכה שבת. שבת הויבט זיך אָן, ווען די מאַמע בענשט ליכט און שבת ענדיקט זיך, ווען אידן מאַכן הבדלה. איר קענט פאַרלענגערן דעם שבת — איר קענט פריער בענשן ליכט און שפּעטער מאַכן הבדלה. און כל זמן אידן מאַכן ניט קיין הבדלה איז שבת אויף דער וועלט, שבת אויף דער ערד און שבת אויפן הימל; אפילו די רשעים אין גיהינום געניסן פון דעם לענגערן שבת. אין ביאַליק'ס „החצוצרה נתביישה" ווערט באַשריבן אַ רירנדיקע סצענע ווי אַ אידישע מאַמע בענשט ליכט אין וואַלד. מען האָט די גאַנצע פאַמיליע ערב שבת אַרויסגעשיקט פון דאָרף. אין דער גרויסער בהלה האָט די מאַמע פונדעסטוועגן ניט פאַרגעסן מיטצו־נעמען שבת־ליכט. און ווען די זון האָט געהאַלטן ביים פאַרגיין, איז זי אַראָפּ פון פור, אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט און די מאַמע האָט געבענטשט ליכט: „און די בוימער אין וואַלד האָבן שטום באַוואונדערט די אידישע פרוי, וואָס

איז איצט געשטאַנען צווישן זיי, האָט אויסגעשפּרייט די הענט איבער די ליכט און האָט שטיל געוויינט".

שבת, דער טאָג פון מנוחה, איז אויך דער טאָג פון גלויבן אין גאולה און אונטערן צייכן פון אָט דעם גלויבן באַגלייט דער איד דעם שבת. אין די זמירות פון מוצאי שבת באַגריסט דער שבת־איד דעם אָנזאָגער פון דער גאולה, אליהו הנביא:

במוצאי יום מנוחה
המצא לעמך רוחה
שלח תשבי לנאנחה
ונסו יגון ואנחה

.....................................................

חדש ששוני אל נא
והבא את אליהו הנביא

.....................................................

הרץ ושלח ושמח לבבי
את אליהו הנביא

.....................................................

במהרה יבוא אלינו
עם משיח בן דוד.

# ערשטער קאַפּיטל

# פון דער תורה

א. און עס זיינען פֿאַרענדיקט געוואָרן דער הימל און די ערד און זייער גאַנצער חיל. און גאָט האָט געענדיקט צום זיבעטן טאָג זיין אַרבעט וואָס ער האָט געמאַכט, און ער האָט גערוט אויפֿן זיבעטן טאָג פֿון זיין גאַנצער אַרבעט, וואָס ער האָט געמאַכט. און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג, און האָט אים געהייליקט, וואָרום אין אים האָט ער גערוט פֿון זיין גאַנצער אַרבעט וואָס גאָט האָט באַשאַפֿנדיק געמאַכט.

(בראשית ב׳ א׳—ג׳)

ב. און עס איז געווען אויפֿן זעקסטן טאָג, האָבן זיי געקליבן צוויי מאָל אַזוי־פֿיל ברויט, צוויי עומר׳ס פֿאַר איטלעכן; און אַלע פֿירשטן פֿון דער עדה זיינען געקומען און האָבן דערציילט משה׳ן. האָט ער צו זיי געזאָגט: אַ רואונג, אַ הייליקער שבת איז מאָרגן צו גאָט; וואָס איר ווילט באַקן באַקט, און וואָס איר ווילט קאָכן קאָכט, און אַלץ וואָס בלייבט איבער, לייגט אייך אַוועק צו האַלטן ביז אינדערפֿרי. האָבן זיי עס אַוועקגעלייגט ביז אינדערפֿרי, אַזוי ווי משה האָט באַפֿוילן, און עס האָט ניט געשטונקען, און קיין ווערים זיינען דערין ניט געווען. און משה האָט געזאָגט: עסט עס היינט, וואָרום היינט איז שבת צו גאָט, היינט וועט איר עס ניט געפֿינען אין פֿעלד. זעקס טעג זאָלט איר קלייבן, אָבער אויפֿן זיבעטן טאָג איז שבת, דענסטמאָל וועט עס ניט זיין. און עס איז געווען אויפֿן זיבעטן טאָג, זיינען פֿון פֿאָלק אַרויסגעגאַנגען קלייבן, אָבער זיי האָבן ניט געפֿונען. האָט גאָט געזאָגט צו משה׳ן: ביז וואַנען וועט איר ניט וועלן היטן מיינע געבאָט און מיינע לערנונגען? זעט, אַז גאָט האָט אייך געגעבן דעם שבת, גיט ער אייך דערפֿאַר אין זעקסטן טאָג ברויט אויף צוויי טעג. זיצט איטלעכער אויף זיין אָרט; קיינער זאָל ניט אַרויסגיין פֿון זיין אָרט אין זיבעטן טאָג. און דאָס פֿאָלק האָט גערוט אין זיבעטן טאָג.

(שמות ט״ז, כ״ב—ל׳)

ג. געדענק דעם טאָג פֿון שבת, אים צו האַלטן הייליק. זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן אַלע דיינע מלאכות; אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת צו יהוה דיין גאָט, זאָלסטו ניט טאָן קיין מלאכה, דו און דיין זון און דיין טאָכטער, דיין קנעכט און דיין דינסט און דיין בהמה און דיין פֿרעמדער וואָס אין דיינע טויערן. וואָרום זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און

די ערד, דעם ים און אַלץ וואָס אין זיי און אויפֿן זיבעטן טאָג האָט ער גערוט; דרום האָט גאָט געבענטשט דעם טאָג פֿון שבת און האָט אים געהייליקט.

(שמות כ׳, ח׳—י״א)

ד. זעקס טעג זאָלסטו טאָן דיינע אַרבעט און אויפֿן זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען, כדי עס זאָל רוען דיין אָקס און דיין אייזל און עס זאָל אָפּאָטעמען דער זון פֿון דיין דינסט און דער פֿרעמדער.

ה. און גאָט האָט געזאָגט צו משה׳ן, אַזוי צו זאָגן: דו רעד אויך צו די קינדער פֿון ישראל, אַזוי צו זאָגן: איר זאָלט נאָר אָפּהיטן מיינע שבתים, וואָרום אַ צייכן איז דאָס צווישן מיר און צווישן אייך אויף אייערע דור־דורות, כדי איר זאָלט וויסן, אַז איך יהוה הייליק אייך. און איר זאָלט היטן שבת, וואָרום ער איז הייליק פֿאַר אייך; דער וואָס פֿאַרשוועכט אים, זאָל טייטן געטייט ווערן; וואָרום איטלעכער וואָס טוט אין אים אַן אַרבעט, יענע זעל זאָל פֿאַרשניטן ווערן פֿון צווישן איר פֿאָלק. זעקס טעג זאָל געטאָן ווערן אַרבעט, אָבער אויפֿן זיבעטן טאָג זאָל זיין אַ שבת פֿון רואונג, הייליק צו גאָט; איטלעכער וואָס טוט אַן אַרבעט אין טאָג פֿון שבת, זאָל טייטן געטייט ווערן. און די קינדער פֿון ישראל זאָל היטן שבת, צו האַלטן שבת אויף זייערע דור־דורות; אַן אייביקער בונד. צווישן מיר און צווישן די קינדער פֿון ישראל איז דאָס אַ צייכן אויף אייביק, אַז זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די ערד און אויפֿן זיבעטן טאָג האָט ער אויפֿגעהערט און גערוט.

(שמות ל״א, י״ב—י״ז)

ו. זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און אויפֿן זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען; אין אַקערצייט און אין שניט זאָלסטו רוען.

ז. און משה האָט איינגעזאַמלט די גאַנצע עדה פֿון די קינדער פֿון ישראל און האָט צו זיי געזאָגט: דאָס זיינען די ווערטער וואָס גאָט האָט באַפֿוילן זיי צו טאָן: זעקס טעג זאָל געטאָן ווערן אַרבעט, אָבער אויפֿן זיבעטן טאָג זאָל אייך זיין הייליק, אַ שבת פֿון רואונג צו גאָט; איטלעכער וואָס טוט אין אים אַן אַרבעט, זאָל געטייט ווערן. איר זאָלט ניט אָנצינדן קיין פֿייער אין אַלע אייערע וואוינערטער אין טאָג פֿון שבת.

(שמות ל״ה א,—ג)

ח. און גאָט האָט גערעדט צו משה׳ן, אַזוי צו זאָגן: רעד צו דער גאַנצער עדה פֿון די קינדער פֿון ישראל, און זאָלסט זאָגן צו זיי: הייליק זאָלט איר זיין, וואָרום איך יהוה אייער גאָט בין הייליק. איר זאָלט איטלעכער האָבן אָפּשיי פֿאַר זיין מוטער און זיין פֿאָטער, און מיינע שבתים זאָלט איר היטן: איך בין יהוה אייער גאָט.

(ויקרא י״ט, א—ג)

ט. זעקס טעג זאָל געטאָן ווערן אַרבעט, אָבער אויפן זיבעטן טאָג איז אַ שבת פון רואונג, אַ הייליקע צונויפרופונג; קיין אַרבעט זאָלט איר ניט טאָן; דאָס איז שבת צו גאָט אין אַלע אייערע וווינערטער.

(ויקרא כ״ג, ג׳)

י. און גאָט האָט גערעדט צו משה׳ן, אַזוי צו זאָגן: באַפעל די קינדער פון ישראל, זיי זאָלן דיר ברענגען ריינע געשלאָגענע בוימל פאַר דער לייכטונג, אויף אָנצוצינדן אַ ליכט תמיד. דרויסן פון דעם פרוכת פון געזעץ אין אוהל־מועד זאָל עס אהרן צוריכטן אויף פון אָוונט ביז אין דערפרי פאַר גאָט תמיד; אַן אייביק געזעץ אויף אייערע דור־דורות. אין דער ריינער מנורה זאָל ער צוריכטן די רערלעך פאַר גאָט תמיד. און זאָלסט נעמען זעמל־מעל און אויסבאַקן דערפון צוועלף חלות; פון צוויי צענטל זאָל זיין יעטוועדער חלה. און זאָלסט זיי לייגן אין צוויי רייען, זעקס אין אַ ריי, אויפן ריינעם טיש פאַר גאָט. און זאָלסט אַרויפטאָן אויף איטלעכער ריי לויטערן ווייראיך, כדי עס זאָל זיין צו דעם ברויט פאַר אַ דערמאָנונג, אַ פייעראָפּפער צו גאָט. שבת אין שבת זאָל ער אויסלייגן פאַר גאָט תמיד; פון די קינדער פון ישראל אַן אייביקער בונד.

(ויקרא כ״ד, א—ט)

י״א. מיינע שבתים זאָלט איר היטן און פאַר מיין הייליקטום זאָלט איר האָבן אָפּשיי: איך בין יהוה.

(ויקרא כ״ו, ב׳)

י״ב. און ווען די קינדער פון ישראל זיינען געווען אין דער מדבר, האָבן זיי געפונען אַ מאַן קלייבנדיק האָלץ אום שבת. האָבן די וואָס האָבן אים געפונען קלייבנדיק האָלץ, אים געבראַכט צו משה׳ן און צו אהרנ׳ען און צו דער גאַנצער עדה. און מע האָט אים אַריינגעזעצט אין וואַך, וואָרום עס איז ניט באַשיידט געוואָרן וואָס אים זאָל געטאָן ווערן. האָט גאָט געזאָגט צו משה׳ן: טייטן זאָל געטייט ווערן דער מאַן; די גאַנצע עדה זאָל אים פאַר־וואָרפן מיט שטיינער אויסן לאַגער. און די גאַנצע עדה האָט אים אַרויס־געפירט אויסן לאַגער, און זיי האָבן אים פאַרוואָרפן מיט שטיינער און ער איז געשטאָרבן; אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משה׳ן.

(במדבר ט״ו, ל״ב—ל״ו)

י״ג. און אין טאָג פון שבת: צוויי שעפסן יאָריקע אָן אַ פעלער און צוויי־צענטל זעמלמעל, אַ שפּייזאָפּפער, פאַרמישט מיט אייל, מיט זיין גיס־אָפּפער; אַ בראַנדאָפּפער פון שבת, אַחוץ דעם שטענדיקן בראַנדאָפּפער און גיסאָפּפער.

(במדבר כ״ח, ט—י)

י״ד. היט דעם טאָג פון שבת אים צו האַלטן הייליק, אַזוי ווי יהוה דיין גאָט האָט דיר באַפוילן. זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן אַלע דיינע מלאכות; אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת צו יהוה דיין גאָט, זאָלסטו ניט טאָן קיין מלאכה, דו און דיין זון און דיין טאָכטער און דיין קנעכט און דיין דינסט און דיין אָקס און דיין אייזל און אַלע דיינע בהמות און דער פרעמדער וואָס אין דיינע טויערן; כדי דיין קנעכט און דיין דינסט זאָלן רוען אַזוי ווי דו. און זאָלסט געדענקען, אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מצרים, און יהוה דיין גאָט האָט דיך אַרויסגעצויגן פון דאָרטן מיט אַ שטאַר־קער האַנט און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם; דרום האָט יהוה דיין גאָט דיר באַפוילן צו מאַכן דעם טאָג פון שבת.

(דברים ה׳ י״ב—ט״ו)

# פון נביאים וכתובים

ט״ו. און זי האָט גערופן צו איר מאַן און געזאָגט: שיק מיר, איך בעט דיך, איינעם פון די יונגען מיט איינער פון די אייזעלינס, און איך וועל אַריבערלויפן צום געטלעכן מאַן און וועל זיך אומקערן. האָט ער צו איר געזאָגט: פאַרוואָס גייסטו צו אים היינט, ניט ראש־חודש און ניט שבת?

(מלכים ב׳, ד׳, כ״ב—כ״ג)

ט״ז. און ער האָט זיי באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: דאָס איז די זאַך וואָס איר זאָלט טאָן: אַ דריטל פון אייך, די וואָס קומען אַריין שבת און היטן די היטונג פון דעם מלכ׳ס הויז — נאָך אַ דריטל איז געווען ביים טויער סור, און אַ דריטל ביים טויער הינטער די לויפערס — זאָלט היטן די היטונג פון פּאַלאַץ פאַר אַן אָפּצאַם. און צוויי טיילן פון אייך, אַלע וואָס גייען אַרויס שבת, זאָלן היטן די היטונג פון גאָט׳ס הויז אַרום דעם מלך.

(מלכים ב׳ י״א, ה—ז)

י״ז. האָבן די הויפּטלייט פון די הונדערטן געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס יהוידע דער כהן האָט באַפוילן און זיי האָבן גענומען איטלעכער זיינע מענטשן, די וואָס קומען אַריין שבת, מיט די וואָס גייען אַרויס שבת און זיי זיינען געקומען צו יהוידע דעם כהן.

(מלכים ב׳ י״א, ט—י)

י״ח. ראש־חודש און שבת, רופן אַ צונויפרופונג — אומרעכט מיט איינ־זאַמלונג קען איך ניט ליידן.

(ישעיה א׳, י״ג)

י"ט. אזוי האָט גאָט געזאָגט: היט רעכט און טוט גערעכטיקייט, וואָרום
נאָנט איז מיין הילף צו קומען און מיין גערעכטיקייט זיך צו אַנטפּלעקן.
וואויל צו דעם מאַן וואָס טוט דאָס דאָזיקע און דעם מענטשנקינד וואָס האַלט
זיך דעראַן! וואָס היט שבת, אים ניט צו פאַרשוועכן, און היט זיין האַנט פון
פון צו טאָן אַ שום בייז. און ניט זאָגן זאָל דער פרעמדגעבאָרענער וואָס באַהעפט
זיך צו גאָט, אַזוי צו זאָגן: אָפּזונדערן וועט מיך אָפּזונדערן גאָט פון זיין פאָלק;
און ניט זאָגן זאָל דער סריס: זע, איך בין אַ טרוקענער בוים. וואָרום אַזוי
האָט גאָט געזאָגט אויף די סריסים וואָס היטן מיינע שבתים, און ווילן אויס
דאָס וואָס איך וויל, און האַלטן זיך אָן מיין בונד: זיי וועל איך געבן אין
מיין הויז און אין מיינע מויערן אַן אָנדענק און אַ נאָמען, בעסער פון זין און
טעכטער; אַן אייביקן נאָמען וועל איך זיי געבן, וואָס וועט ניט פאַרשניטן
ווערן. און די פרעמדגעבאָרענע וואָס באַהעפטן זיך צו גאָט, אים צו טאָן
דינסט, און ליב צו האָבן דעם נאָמען פון גאָט, אים צו זיין פאַר קנעכט; איט־
לעכער וואָס היט שבת אים ניט צו פאַרשוועכן און האַלט זיך אָן מיין בונד,
זיי וועל איך ברענגען צו מיין הייליקן באַרג און וועל זיי דערפרייען אין מיין
הויז פון געבעט; זייערע בראַנדאָפּפער און זייערע שלאַכטאָפּפער וועלן זיין
צו באַוויליקונג אויף מיין מזבח; וואָרום מיין הויז וועט גערופן ווערן דאָס
הויז פון געבעט פאַר אַלע פעלקער.

(ישעיה נ"ו, א—ז)

כ. אַז דו וועסט אָפּהאַלטן צוליב שבת דיין פוס, פון טאָן דיינע עסקים אין
מיין הייליקן טאָג; און וועסט רופן שבת אַ תענוג, דעם הייליקן טאָג
פון גאָט, געערלעכט; און וועסט אים ערלעכן, ניט צו טאָן דיינע גאַנגען,
ניט צו געפינען דיר אַן עסק, אָדער אָפּרעדן אַ זאַך. דענסטמאָל וועסטו זיך
קוויקן מיט גאָט, און איך וועל דיך אַרויפזעצן אויף די הייכן פון דער ערד
און דיך מאַכן עסן די נחלה פון דיין פאָטער יעקב; וואָרום דאָס מויל פון גאָט
האָט גערעדט.

(ישעיה נ"ח, י"ג—י"ד)

כ"א. און עס וועט זיין, ראש־חודש אין ראש־חודש, און שבת אין שבת,
וועלן קומען אַלע לייבער זיך בוקן פאַר מיר, זאָגט גאָט.

(ישעיה ס"ו, כ"ג)

כ"ב. אַזוי האָט צו מיר גאָט געזאָגט: גיי און זאָלסט זיך שטעלן אין טויער
פון די קינדער פון פאָלק, וואָס דורך אים קומען אַריין די מלכים פון
יהודה, און וואָס דורך אים גייען זיי אַרויס, און אין אַלע טויערן פון ירושלים.
און זאָלסט זאָגן צו זיי: הערט דאָס וואָרט פון גאָט, איר מלכים פון יהודה,
און גאַנץ יהודה, און אַלע באַוואוינער פון ירושלים, וואָס קומען אין די דאָזיקע

טויערן. אזוי האָט גאָט געזאָגט: היט אייך אום אייער זעל, און איר זאָלט ניט טראָגן קיין משא אין טאָג פון שבת און אַריינברענגען אין די טויערן פון ירושלים. און איר זאָלט ניט אַרויסטראָגן קיין משא פון אייערע הייזער אין טאָג פון שבת און קיין שום אַרבעט זאָלט איר ניט טאָן, און איר זאָלט האַלטן הייליק דעם טאָג פון שבת, אַזוי ווי איך האָב באַפוילן אייערע עלטערן. אָבער זיי האָבן ניט געהערט און ניט צוגענייגט זייער אויער, און זיי האָבן האַרט געמאַכט זייער נאַקן ניט צוצוהערן, און ניט צו נעמען קיין מוסר. דרום וועט זיין: אויב צוהערן וועט איר צוהערן צו מיר, זאָגט גאָט, ניט אַריינצו־ברענגען קיין משא אין די טויערן פון דער דאָזיקער שטאָט אין טאָג פון שבת, נייערט צו האַלטן הייליק דעם טאָג פון שבת, ניט צו טאָן אין אים קיין שום אַרבעט, וועלן קומען אין די טויערן פון דער דאָזיקער שטאָט מלכים און הארן וואָס זיצן אויפן טראָן פון דוד, וואָס רייטן אויף רייטוועגן און אויף פערד, זיי און זייערע הארן, די מענער פון יהודה און די באַוווינער פון ירושלים; און די דאָזיקע שטאָט וועט זיין באַזעצט אויף אייביק. און מע וועט קומען פון די שטעט פון יהודה, און פון רונד אַרום ירושלים, און פון לאַנד בנימין, און פון דער נידערונג און פון בערג און פונעם דרום, ברענגענדיק בראַנדאָפּפער און שלאַכטאָפּפער און שפּייזאָפּפער און ווייריך און ברענגענדיק דאַנקאָפּפער אין הויז פון גאָט. אויב אָבער איר וועט ניט צוהערן צו מיר, צו האַלטן הייליק דעם טאָג פון שבת און ניט צו טראָגן קיין משא און אַריינקומען דערמיט אין די טויערן פון ירושלים אין טאָג פון שבת, וועל איך אָנצינדן אַ פייער אין אירע טויערן, און עס וועט פאַרצערן די פּאַלאַצן פון ירושלים, און וועט ניט פאַרלאָשן ווערן.

(ירמיה י״ז, י״ט—כ״ז)

כ״ג. און איך האָב זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים און האָב זיי געבראַכט אין דער מדבר. און איך האָב זיי געגעבן מיינע חוקים און מיינע געזעצן זיי געלאָזט וויסן, וואָס אַז דער מענטש טוט זיי, לעבט ער דורך זיי. און אויך מיינע שבתים האָב איך זיי געגעבן, צו זיין פאַר אַ צייכן צווישן מיר און צווישן זיי, כדי זיי זאָלן וויסן אַז איך יהוה הייליק זיי. אָבער דאָס הויז פון ישראל האָבן ווידערשפּעניקט אָן מיר אין דער מדבר: אין מיינע חוקים זיינען זיי ניט געגאַנגען און מיינע געזעצן האָבן זיי פאַראַכט, וואָס אַז דער מענטש טוט זיי, לעבט ער דורך זיי; און מיינע שבתים האָבן זיי פאַרשוועכט ביז גאָר; און איך האָב געטראַכט אויסצוגיסן מיין צאָרן אויף זיי אין דער מדבר, כדי זיי צו פאַרלענדן.

(יחזקאל כ׳, י—י״ג)

כ"ד. ווייל מיינע געזעצן האָבן זיי פאַראַכט און מיינע חוקים, און זיי זיינען
אין זיי ניט געגאַנגען, און מיינע שבתים האָבן זיי פאַרשוועכט; ווייל
נאָך זיינע אָפּגעטער איז געגאַנגען זייער האַרץ.
(יחזקאל כ, ט"ז)

כ"ה. און איך האָב געזאָגט צו זייערע קינדער אין דער מדבר: אין די חוקים
פון אייערע עלטערן זאָלט איר ניט גיין און זייערע געזעצן זאָלט איר
ניט היטן און מיט זייערע אָפּגעטער זאָלט איר אייך ניט פאַראומרייניקן.
איך יהוה בין אייער גאָט, אין מיינע חוקים גייט און מיינע געזעצן היט און
טוט זיי. און מיינע שבתים האַלט הייליק און זיי זאָלן זיין פאַר אַ צייכן צווישן
מיר און צווישן אייך, כדי איר זאָלט וויסן אַז איך יהוה בין אייער גאָט. אָבער
די קינדער האָבן ווידערשפּעניקט אָן מיר: אין מיינע חוקים זיינען זיי ניט
געגאַנגען און מיינע געזעצן האָבן זיי ניט געהיט זיי צו טאָן, וואָס אַז אַ
מענטש טוט זיי, לעבט ער דורך זיי; מיינע שבתים האָבן זיי פאַרשוועכט
און איך האָב געטראַכט אויסצוגיסן מיין גרימצאָרן אויף זיי.
(יחזקאל כ׳, י"ח—כ"א)

כ"ו. איך האָב אויפגעהויבן מיין האַנט צו זיי אין דער מדבר זיי צו פאַר־
שפּרייטן צווישן די פעלקער, און זיי צו צעוואַרפן אין די לענדער;
ווייל מיינע געזעצן האָבן זיי ניט געטאָן און מיינע חוקים האָבן זיי פאַראַכט,
און מיינע שבתים האָבן זיי פאַרשוועכט.
(דאָרטן כ׳ כ"ג—כ"ד)

כ"ז. זע, די פירשטן פון ישראל, איטלעכער לויט זיין אָרעם, זיינען אין דיר
געווען כדי בלוט צו פאַרגיסן. פאָטער און מוטער האָט מען גרינג־
געשאַצט אין דיר, קעגן פרעמדן האָט מען זיך באַגאַנגען מיט רויב אין דיין
מיט, אַ יתום און אַן אלמנה האָט מען געקריוודעט אין דיר. מיינע הייליקייטן
האָסטו פאַראַכט און מיינע שבתים האָסטו פאַרשוועכט.
(יחזקאל כ"ב, ו׳—ח׳)

כ"ח. אירע כוהנים האָבן פאַרבראָכן קעגן מיין תורה, און פאַרשוועכט מיינע
הייליקייטן; צווישן הייליק און אומהייליק האָבן זיי ניט אָפּגעשיידט,
און צווישן ריין און אומריין האָבן זיי ניט צו וויסן געטאָן, און פון מיינע
שבתים האָבן זיי פאַרהוילן זייערע אויגן און איך בין פאַרשוועכט געוואָרן
צווישן זיי. (דאָרטן כ"ב, כ"ו)

כ"ט. נאָך דאָס האָבן זיי געטאָן צו מיר: זיי האָבן פאַראומרייניקט מיין
הייליקטום אין דעם אייגענעם טאָג, און מיינע שבתים האָבן זיי פאַר־
שוועכט. (יחזקאל כ"ג, ל"ח

ל. און אויף דעם פירשט זאָלן זיין די בראַנדאָפּפער, און דאָס שפּייזאָפּפער און דאָס גיסאָפּפער און די יום־טובים און אום ראש־חודש און אין די שבתים און אַלע פייערטעג פון דעם הויז פון ישראל.

(יחזקאל מ״ה, י״ז)

ל״א. אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר: דער טויער פון דעם אינעווייניקסטן הויף וואָס איז געקערט צו מזרח, זאָל זיין פאַרשלאָסן די זעקס אַרבעט־טעג, נאָר אין טאָג פון שבת זאָל עס געעפנט ווערן און אין טאָג פון ראש־חודש זאָל עס געעפנט ווערן. און דער פירשט זאָל אַריינגיין דורכן פירהויז פון טויער פון דרויסן, און זאָל שטיין ביי דעם ביישטיבל פון טויער, און די כוהנים זאָלן מאַכן זיין בראַנדאָפּער און זיין פרידאָפּפער, און ער זאָל זיך בוקן אויפן שוועל פון טויער און אַרויסגיין; אָבער דער טויער זאָל ניט פאַרשלאָסן ווערן ביזן אָוונט. און דאָס פאָלק פון לאַנד זאָל זיך בוקן פאַר גאָט אין איינגאַנג פון יענעם טויער, אין די שבתים און אום ראש־חודש. און דאָס בראַנדאָפּפער וואָס דער פירשט זאָל מקריב זיין צו גאָט אין טאָג פון שבת, איז זיבן שעפּסן אָן אַ פעלער און אַ ווידער אָן אַ פעלער; און אַ שפּייזאָפּפער אַן איפה צו אַ ווידער און צו די שעפּסטן אַ שפּייזאָפּפער לויט דער גאָב פון זיין האַנט און אייל אַ הין צו אַן איפה.

(יחזקאל מ״ו, א—ה)

ל״ב. און אַז דער פירשט וועט מאַכן אַ פרייוויליקן קרבן, אַ בראַנדאָפּפער, אָדער אַ פרידאָפּפער, אַ פרייוויליקן קרבן צו גאָט, זאָל מען עפענען פאַר אים דעם טויער וואָס איז געקערט צו מזרח, און ער זאָל מאַכן זיין בראַנדאָפּפער און זיין פרידאָפּפער, אַזוי ווי ער מאַכט אין טאָג פון שבת, און אַרויסגיין; און מע זאָל פאַרשליסן דעם טויער נאָך זיין אַרויסגיין.

(יחזקאל מ״ו, י״ב)

ל״ג. און איך וועל פאַרשטערן איר גאַנצע פרייד; איר יום־טוב, איר ראש־חודש און איר שבת, און אַלע אירע פייערטעג.

(הושע ב, י״ג)

ל״ד. הערט דאָס צו, איר וואָס ווילט איינשלינגען דעם אביון און פאַרטיליקן די אָרימע פון לאַנד, אַזוי צו זאָגן: ווען וועט אַריבער ראש־חודש, אַז מיר זאָלן פאַרקויפן תבואה, און שבת, אַז מיר זאָלן עפענען קאָרן, צו פאַרקלענערן די איפה און צו פאַרגרעסערן דעם שקל און צו פאַרדרייען מיט פאַלשע וואָגשאָלן; כדי צו קויפן פאַר געלט די אָרימע, און דעם אביון פאַר אַ פּאָר שיך, און דעם אָפּפאַל פון קאָרן ווילן מיר פאַרקויפן. גאָט האָט געשוואָרן ביי דעם שטאָלץ פון יעקב: אויב איך וועל אייביק פאַרגעסן אַלע זייערע מעשים!

(עמוס ח׳, ד׳—ז׳)

ל״ה. אַ מזמור, אַ געזאַנג פאַר דעם טאָג פון שבת. גוט איז צו לויבן גאָט, און זינגען צו דיין נאָמען דו העכסטער; צו דערציילן אין פרימאָרגן דיין חסד און דיין טריישאַפט אין די נעכט, אויף אַ צענסטרונע און אויף אַ גיטאַר, מיט פאַרטראַכטונג אויף דער האַרף. וואָרום האָסט מיך דערפרייט, גאָט, מיט דיין ווערק, איך זינג וועגן די מעשים פון דיינע הענט. ווי גרויס זיינען דיינע מעשים, גאָט! טיף ביז גאָר זיינען דיינע טראַכטונגען. דער בהמישער מענטש ווייס ניט, און דער נאַר פאַרשטייט דאָס ניט. אַז די רשעים שפּראָצן ווי גראָז און עס בליען אַלע טוער פון אומרעכט, איז דאָס כדי זיי זאָלן פאַרטיליקט ווערן אויף אייביק. אָבער דו ביסט דערהויבן אויף אייביק, גאָט. וואָרום אָט דיינע פיינט, גאָט, וואָרום אָט דיינע פיינט וועלן אונטערגיין, צעשפּרייט וועלן ווערן אַלע טוער פון אומרעכט. און האָסט דערהייכט ווי ביי אַ ווילדער אָקס מיין האָרן; איך האָב מיך באַזאַלבט מיט פרישן אייל. און מיין אויג האָט זיך אָנגעזען אויף מיינע לויערער; אויף די שלעכטסטוער וואָס שטייען אָן אויף מיר, הערן מיינע אויערן זיך אָן. דער צדיק וועט בליען ווי אַ טייטלבוים, ווי אַ צעדערבוים אין לבנון וועט ער וואַקסן. איינגעפלאַנצט אין הויז פון יהוה, אין די הויפן פון אונדזער גאָט וועלן זיי בליען. זיי וועלן נאָך שפּראָצן אין גראָער עלטער, פעט און זאַפטיק וועלן זיי זיין; צו דערציילן אַז גאָט איז רעכטפאַרטיק, מיין פעלז וואָס קיין אומרעכט איז אין אים ניטאָ.

(תהלים צ״ב)

ל״ו. גאָט האָט געמאַכט פאַרגעסן אין ציון אַ יום־טוב און אַ שבת און פאַר־אַכט אין זיין גרימצאָרן דעם מלך און דעם כהן.

(איכה ב׳, ו׳)

ל״ז. און אויפן באַרג סיני האָסטו אַראָפּגענידערט און גערעדט צו זיי פון הימל, און האָסט זיי געגעבן ריכטיקע געזעצן און אמתע לערנונגען, גוטע חוקים און געבאָט. און דיין הייליקן שבת האָסטו זיי געלאָזט וויסן און האָסט זיי באַפוילן געבאָט און געזעצן און אַ תורה דורך משה דיין קנעכט.

(נחמיה ט׳, י״ג—י״ד)

ל״ח. און דאָס איבעריקע פאָלק, די כוהנים, די לווים, די טויערלייט, די זינגערס, די נתינים און אַלע וואָס האָבן זיך אָפּגעשיידט פון די פעלקער פון די לענדער צו דער תורה פון גאָט, זייערע ווייבער, זייערע זין און זייערע טעכטער, איטלעכער וואָס האָט געוואוסט און פאַרשטאַנען, האָבן זיך געהאַלטן אָן זייערע ברידער, זייערע גרויסע לייט און זיי זיינען אַריין אין אַ קללה און אַ שבועה צו גיין אין דער תורה פון גאָט, און צו היטן און צו טאָן אַלע געבאָט פון יהוה אונדזער האַר, און זיינע געזעצן און זיינע חוקים; און אַז מיר זאָלן ניט געבן אונדזערע טעכטער צו די פעלקער פון לאַנד און זייערע

טעכטער ניט נעמען פאַר אונדזערע זין; און די פעלקער פון לאַנד וואָס ברענגען סחורות און אַלערליי תבואה אין טאָג פון שבת צו פאַרקויפן, זאָלן מיר פון זיי ניט קויפן אום שבת אָדער אַ הייליקן טאָג; און אַז מיר זאָלן אָפּלאָזן דאָס פעלד אין זיבעטן יאָר און איטלעכן חוב. און מיר האָבן געשטעלט אויף אונדז אַ מצוה, אַרויפצולייגן אויף זיך אַ דריטל שקל אַ יאָר פאַר דעם דינסט פון אונדזער גאָט'ס הויז, פאַר דעם אויסגעלייגטן ברויט און דעם שטענדיקן שפּייזאָפּפער פון די שבתים, פון ראש־חודש, פאַר די יום־טובים; און פאַר די געהייליקטע קרבנות, און פאַר די זינדאָפּפער מכפּר צו זיין אויף ישראל, און פאַר דער גאַנצער אַרבעט פון אונדזער גאָט'ס הויז.

(נחמיה י', כ"ט—ל"ד)

ל"ט. אין יענע טעג האָב איך געזען אין יהודה ווי מע טרעט קעלטערן אום שבת און מע ברענגט אַריין די סטויגן און מע לאָדט אָן אויף אייזלען, און אויך ווייַן, טרויבן און פייגן און אַלערליי משא און מע ברענגט אין ירושלים אין טאָג פון שבת; און איך האָב זיי געוואָרנט אין דעם טאָג וואָס זיי האָבן פאַרקויפט שפּייז. אויך די צורים וואָס האָבן געוואוינט אין איר, פלעגן ברענגען פיש און אַלערליי סחורה, און פאַרקויפן אום שבת צו די קינדער פון יהודה, און אין ירושלים. האָב איך זיך געקריגט מיט די אֶדל־לייט פון יהודה, און איך האָב צו זיי געזאָגט: וואָס איז דאָס פאַר אַ שלעכטע זאַך וואָס איר טוט, און פאַרשוועכט דעם טאָג פון שבת? האָבן ניט אַזוי געטאָן אייערע עלטערן, און אונדזער גאָט האָט געבראַכט דאָס דאָזיקע גאַנצע בייז אויף אונדז, און אויף דער דאָזיקער שטאָט? און איר מערט נאָך גרימ־צאָרן אויף ישראל, מחלל שבת צו זיין? און עס איז געווען, ווי די טויערן פון ירושלים האָבן אָנגעהויבן ווערן טונקל פאַר שבת, אַזוי האָב איך געהייסן, און די טירן זיינען פאַרשלאָסן געוואָרן, און איך האָב אָנגעזאָגט, אַז מע זאָל זיי ניט עפענען ביז נאָך שבת; און די הענדלער און די פאַרקויפער פון אַלערליי סחורה האָבן גענעכטיקט דרויסן פון ירושלים איין מאָל און צוויי מאָל. האָב איך זיי געוואָרנט און האָב צו זיי געזאָגט: פאַרוואָס נעכטיקט איר לעבן דער מויער? אַז איר וועט עס טאָן אַ צווייט מאָל, וועל איך לייגן אַ האַנט אויף אייך. פון יענער צייט אָן זיינען זיי ניט געקומען אום שבת. און איך האָב אָנגעזאָגט די לוים, אַז זיי זאָלן זיך רייניקן און קומען היטן די טויערן, כדי צו האַלטן הייליק דעם טאָג פון שבת.

(נחמיה י"ג, ט"ז—כ"ג)

מ. און טייל פון די קינדער פון די קהתים, פון זייערע ברידער, זיינען געווען איבערן אויסגעלייגטן ברויט, דאָס צוצוגרייטן שבת אין שבת.

(דברי־הימים א', ט' ל"ב)

מ״א. און שלמה האָט געשיקט צו חירם דעם מלך פון צור, אַזוי צו זאָגן: אַזוי די דו האָסט געטאָן מיט מיין פאָטער דוד׳ן, וואָס דו האָסט אים געשיקט צעדערן צו בויען פאַר זיך אַ הויז אויף צו וואוינען דערין, אין אָט בוי איך אַ הויז צו דעם נאָמען פון יהוה מיין גאָט, כדי עס צו הייליקן צו אים, און צו רייכערן פאַר אים ווייררויך פון שמעקעדיקע געווירצן און פאַר דער שטענדיקער אויסלייגונג פון דעם הייליקן ברויט און פאַר די בראַנד־אָפּפער אין דערפרי און אין אָוונט, אין די שבתים און אום ראש־חודש, און אין די יום־טובים פון יהוה אונדזער גאָט, וואָס דאָס איז אייביק אַ חוב אויף ישראל.

(דברי־הימים ב׳ ב׳, ב׳—ג׳)

מ״ב. און יחזקיהו האָט באַשטימט די אָפּטיילונגען פון די כוהנים און די לויים לויט זייערע אָפּטיילונגען, איטלעכן ווי נאָך זיין דינסט, סיי די כוהנים און סיי די לויים, פאַר בראַנדאָפּפער און פאַר פרידאָפּפער, אויף צו דינען און צו דאַנקען און לויבן אין די טויערן פון גאָט׳ס לאַגערן; און דעם מלכ׳ס צושטייער פון זיין פאַרמעג פאַר די בראַנדאָפּפער — פאַר די בראַנד־אָפּפער פון אין דער פרי און פון אָוונט, און די בראַנדאָפּפער פון די שבתים, און פון ראש־חודש, און פון די יום־טובים, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין דער תורה פון גאָט.

(דברי־הימים ב׳, ל״א, ב׳—ג׳)
(אידיש: יהואָש)

# פון די אַפּאָקריפן

(אַנטיוכס עפּיפאַנעס)

און דעם קיניג׳ס מענטשן פון דוד׳ס שטאָט אין ירושלים האָבן געהערט, אַז גאָר פיל האָבן האָרט געמאַכט זייער האַרץ, ניט צו פאָלגן דעם קיניג׳ס געבאָט, און אַז זיי האָבן אויך פאַרלאָזן די שטעט זיך צו באַהאַלטן אין מדבר, און אַז גאָר אַסך מענטשן האָבן זיך מיט זיי פאַרזאַמלט. האָבן זיי זיך פלוצים אויפגעהייבן און זיך גענומען אין טאָג פון שבת און געזאָגט צו זיי: ווי לאַנג וועט איר ניט וועלן זיך צוהערן צום קיניג׳ס קול? שטייט אויף און קומט אַרויס פון דאָרטן און פאָלגט זיינע געבאָטן וועט איר זיצן רואיק. האָבן זיי געענטפערט און געזאָגט: מיר וועלן ניט אַרויסקומען, וואָרן דעם קיניג׳ס וואָרט וועלן מיר ניט פאָלגן און דעם שבת וועלן מיר ניט פאַר־שוועכן.. זיינען זיי צוגעטראָטן צו דער הייל און אַנגעשטעלט די כלים פון מלחמה אַנטקעגן איר. און די מענטשן וואָס אין איר האָבן ניט אויפגעהייבן

זייערע הענט צו ווארפן א שטיין, אדער פארמאכן איר עפענונג. און זיי האבן צו זיי געזאגט: מיר וועלן בעסער שטארבן אין אונזער אומשולד און הימל און ערד זיינען עדות אז איר הרג׳עט אונז בייזוויליק. זיינען זיי באפאלן אין טאג פון שבת און אויסגע׳הרג׳עט אלץ וואס האט זיך געפונען אין הייל און זיי זיינען געשטארבן, זיי, און זייערע ווייבער און קינדער און זייערע בהמות. און די טויטע זיינען געוועזן ארום טויזנט מאן.

און מתתיהו און זיינע חברים האבן דאס דערהערט — האט זיי זייער באנג געטאן. און זיי האבן געזאגט איינער צום אנדערן: אויב טאן וועלן מיר ווי אונדזערע ברידער האבן געטאן, זיך ניט אקעגנצושטעלן די גויים פאר אונדזער לעבן און אונדזער תורה, וועט לאנג ניט נעמען און זיי וועלן אונדז אויסראטן. האבן זיי זיך אלע געהאלטן אן עצה אין יענעם טאג, אזוי צו זאגן: אויב אונדזערע שונאים וועלן אויף אונדז מלחמה האלטן אין טאג פון שבת, וועלן מיר ארויסקומען זיי אקעגן און מיר וועלן זיך אויפשטעלן פאר אונדזער לעבן און מיר וועלן ניט שטארבן, ווי אונדזערע ברידער זיינען געשטארבן אין די היילן.

(חשמונאים א, פרק ב׳)

און ניקאנאר האט געהערט, אז יהודה און זיינע מענטשן האבן זיך פארזאמלט ביי דער גרענעץ פון שומרון — האט ער געזאגט: לאמיר זיי באפאלן אין טאג פון שבת. האבן די אידן, וואס ער האט צוגעהאלטן צו גיין מיט אים, צו אים געזאגט: מיר בעטן דיך, זאלסט ניט טאן מיט אונדז דאס דאזיקע גרויסע שלעכטס און זאלסט אונדז צורו לאזן, און גיב אפ כבוד צו דעם טאג וואס גאט האט אפגעגעבן כבוד און אים געהייליקט. האט זיי דער רשע געפרעגט און זיי געזאגט: ווער איז ער דאס, וואס האט אייך געגעבן דעם שבת? צי דען איז אין הימל פאראן א גאט? האבן זיי געענטפערט און געזאגט: דאס איז גאט, דער גאט פון הימל, וואס האט אונדז געגעבן דעם טאג פון שבת און אונדז פארזאגט, אים צו האלטן הייליק.

(חשמונאים ב׳ פרק ט״ו)

# פון די באַהאַלטענע ספרים

## (ספר היובלים)

(דער „ספר היובלים" איז פאַרפאַסט געוואָרן לויט דער מיינונג פון אַ סך פאָרשער אין דער צייט פון די מאַקאַבייער, און סיוועדט צוגעשריבן צו די אסיים. ער טיילט איין די געשיכטע פון וועלט־באַשאַף ביז מתן־תורה לויט אַ סדר פון יובלים. דער מלאך וואָס שטייט פאַר גאָטס פנים דערציילט משהין, דורך גאָטס באַפעל, וועגן וועלט־באַשאַף ביז משהס געבאָרן ווערן און דאָס אויפשטעלן פון משכן און ער זאָגט אָן משהין צו פאַרשרייבן אין בוך די געשיכטע פון מענטשן. אַן אָנגעזעענעם פלאַץ פאַרנעמט אין בוך דער ענין שבת און זיינע מצוות. אַ סך מאָל זיינען די דינים פון שבת, וואָס זיינען אין אים אויסגערעכנט אין קעגנזאַץ צו אונדזער מסורה (ווי למשל דאָס פאַרבאָט פון „עונה" אום שבת און זיי שטימען מיט די אָנשויאונגען פון די שומרונים און קאַראַאיטן).

און דער מלאך וואָס שטייט פאַר גאָט׳ס פנים האָט אויף גאָט׳ס וואָרט געזאָגט צו משה׳ן, אַזוי צו זאָגן: עס שטייט געשריבן אין בוך פון דער געשיכטע פון הימל און ערד, אַז אין זעקס טעג האָט גאָט געענדיקט גאָר זיין אַרבעט וואָס ער האָט באַשאַפן און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער גערוט און אים געהייליקט אויף אייביק און אים געמאַכט פאַר אַ צייכן איבער אַלע זיינע מעשים. — און ער האָט געענדיקט גאָר זיין אַרבעט אויפן זעקסטן טאָג — און ער האָט אונדז געמאַכט פאַר אַ גרויסן צייכן דעם טאָג פון שבת, ווייל זעקס טעג טוען מיר יעדע אַרבעט און אויפן זיבעטן טאָג רוען מיר פון יעדער אַרבעט, אַלע מלאכים וואָס שטייען פאַר גאָט און אַלע מלאכים פון קדושה. צו אונדז, צו די צוויי דאָזיקע גרויסע מינים, האָט ער דאָס דאָזיקע וואָרט געזאָגט, אַז מיר זאָלן היטן מיט אים צוזאַמען אין הימל און אויף דער ערד דעם טאָג פון שבת. און ער האָט צו אונדז געזאָגט: איך וועל מיר אָפּטיילן אַ פאָלק פון צווישן די פעלקער, וואָס וועט אויך פייערן דעם טאָג שבת. און איך וועל אים הייליקן פאַר מיר אַ פאָלק און איך וועל אים בענטשן, ווי איך האָב געהייליקט די טעג פון שבת און זיי געבענטשט — אַזוי וועל איך אים בענטשן און זיי וועלן מיר זיין אַ פאָלק און איך וועל זיין צו זיי אַ גאָט. און איך האָב אויסדערוויילט דעם זאָמען פון יעקב פון אַלע אַנדערע וואָס איך האָב געזען און איך האָב אים פאַרשריבן פאַר מיין ערשטגעבוירענעם זון און איך האָב אים הייליק געמאַכט פאַר מיר אויף אייביק און אייביק. און איך האָב זיי געלערנט זייער אַרבעט. דעם טאָג שבת, אַז זיי זאָלן אין אים רוען פון גאָר זייער אַרבעט. און ער האָט געמאַכט דורך אים אַ צייכן, אַז זיי זאָלן אויך פייערן מיט אונדז דעם טאָג שבת אויפן זיבעטן טאָג צו עסן און צו טרינקען און צו בענטשן דעם

וואָס האָט אַלץ באַשאַפן, ווי ער האָט אים געבענטשט און אים געהייליקט פאַר אַ פאָלק, צו שטיין בראש פון אַלע פעלקער און צו פייערן מיט אונדז צוזאַמען דעם טאָג פון שבת. — — — דער דאָזיקער טאָג איז געבענטשט און געהייליקט. — — און יעקב און זיינע קינדער זאָלן תמיד זיין די געבענטשטע און די געהייליקטע, ווי ער האָט אַמאָל געבענטשט און געהייליקט דעם טאָג שבת אויפן זיבעטן טאָג. און ער האָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד און אַלץ וואָס ס׳איז באַשאַפן געוואָרן אין די זעקס טעג, און גאָט האָט באַשטימט אַ הייליקן פייערטאָג פאַר אַלע זיינע ברואים. דעריבער האָט ער באַפוילן, אַז יעדער וואָס פאַרשוועכט אים זאָל געטייט ווערן. און דו זאָלסט באַפוילן די קינדער פון ישראל, אַז זיי זאָלן היטן דעם דאָזיקן טאָג אים צו הייליקן, ניט צו טאָן אין אים קיין שום מלאכה, און זיי זאָלן אים ניט פאַרשוועכן, ווייל ער איז הייליקער פון אַלע אַנדערע טעג און יעדער איינער וואָס וועט אים מטמא זיין און יעדער איינער וואָס וועט טאָן אין אים אַן אַרבעט זאָל געטייט ווערן אויף אייביק און אייביק. דערמיט, אַז די קינדער פון ישראל זאָלן היטן דעם דאָזיקן טאָג אין זייערע דורות און זיי זאָלן ניט אויסגעראָטן ווערן פון דער וועלט. ווייל דאָס איז אַ הייליקער טאָג און אַ געבענטשער טאָג און יעדער מענטש וואָס וועט אים אָפּהיטן און רוען אין אים פון אַלע זיינע אַרבעטן וועט זיין, ווי מיר, הייליק און געבענטשט. און דו לאָז וויסן און דער־קלער צו די קינדער פון ישראל דעם מיין פון דאָזיקן טאָג, אַז זיי זאָלן רוען אין אים און זיי זאָלן אים ניט פאַרלאָזן דורך דער פאַרדאַרבנקייט פון זייער האַרץ. זיי זאָלן קיין זאַך ניט טאָן אין אים פאַר זייערע באַדערפענישן און ס׳זאָל ניט געמאַכט ווערן קיין עסן וואָס ווערט געגעסן, און קיין געטראַנק וואָס ווערט געטרונקען. און זיי זאָלן ניט שעפּן קיין וואַסער און ניט טראָגן און קיין משא אַרויסצוטראָגן און אַריינצוברענגען אין זייערע טויערן, אויב זיי האָבן דאָס ניט צוגעגרייט פון אַלע טעג פון יובל דורך די יאָרן פון יובל. אין אים האָבן מיר גערוט איידער ס׳איז אַנטפּלעקט געוואָרן צו אַ מענטשנ׳ס אויער צו רוען אויף דער ערד אין יענעם טאָג. און דער בורא פון גאַנצן באַשאַף האָט אים געבענטשט, אָבער ער האָט ניט געהייליקט אַלע מענטשן פון דער וועלט און אַלע פעלקער צו רוען אים אים, נייערט דאָס פאָלק ישראל אַליין. צו אים אַליין האָט ער געגעבן דעם שבת צו עסן און טרינקען און צו רוען אין אים אויף דער ערד. (פּרק ב׳)

און לויט די דאָזיקע רייד, לויט דעם דאָזיקן געזעץ האָב איך דיר געלאָזט וויסן די טעג פון שבת אין מדבר־סיני, וואָס צווישן אלים און צווישן סיני — — — און אויך די מצוות פון שבת האָב איך פאַר דיר פאַרשריבן און אַלע זיינע געזעצן. זעקס טעג זאָלסטו טאָן די אַרבעטן און אויפן זיבעטן טאָג איז שבת פאַר גאָט אייער גאָט. איר זאָלט ניט טאָן אין אים קיין אַרבעט, איר

און אייערע קינדער און אייערע קנעכט און אייערע דינסטן און אַלע אייערע בהמות און דער פרעמדער וואָס איז מיט דיר, און דער מאַן וואָס טוט אין אים אַן אַרבעט זאָל געטייט ווערן. יעדער איינער וואָס וועט פאַרשוועכן דעם דאָזיקן טאָג, וואָס וועט ליגן מיט זיין ווייב און וואָס וועט וועלן אין אים אַרויסגיין אין וועג, אָדער קויפן און פאַרקויפן, און דער וואָס וועט שעפּן וואַסער און האָט זיך ניט אָנגעגרייט מיט דעם פון זעקסטן טאָג, און דער וואָס טראָגט משא ווייטער פון זיין געצעלט אָדער הויז — זאָל געטייט ווערן. איר זאָלט ניט טאָן קיין אַרבעט אין טאָג פון שבת, אויב איר האָט זיך ניט אָנגעגרייט פון זעקסטן טאָג צו עסן און צו טרינקען און צו רוען און האַלטן שבת פון יעדער מלאכה אין דאָזיקן טאָג און צו בענטשן אייער גאָט, וואָס ער האָט אים צו אייך געגעבן אַ פייערטאָג. אַ הייליקער טאָג, אַ טאָג פון הייליקן קיניגטום, זאָל דער דאָזיקער טאָג זיין פאַר אַלע אידן אייער גאַנץ לעבן אויף אייביק. ווייל גרויס איז דער כבוד וואָס גאָט האָט געגעבן צום פאָלק ישראל, זיי זאָלן עסן און טרינקען און זאָט זיין אין יענעם טאָג און רוען פון יעדער אַרבעט מיט וועלכער אַ מענטש פאַרנעמט זיך, אויסער צו רויכערן קטורת, און מקריב זיין אַ געשמאַקסאַפּער און אַ גאַנצאָפּפער פאַר גאָט אין טאָג פון שבת . בלויז די דאָזיקע אַרבעט מעג געטאָן ווערן אין די טעג פון שבת אין בית־המקדש, מכפר צו זיין תמיד אויפן פאָלק ישראל טאָג און טאָג מיט אַ קרבן, פאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט דורך אַלע טעג פון יאָר, ווי דו ביסט פאַרזאָגט געוואָרן. און יעדער מאַן וואָס וועט טאָן אַן אַרבעט, וועט גיין אין וועג אַריין, און וועט שפּייזן זיינע בהמות אין הויז אָדער אין אַן אַנדער פּלאַץ, און דער וואָס וועט אָנצינדן פייער, אָדער ער וועט רייטן אויף אַ בהמה אָדער פאָרן אין אַ שיף אויפן ים. און דער מאַן וואָס וועט שלאָגן אָדער טויטן, צי שחט׳ן אַ חיה אָדער אַן עוף, און דער וואָס וועט פאַנגען אַ חיה און אַ פויגל און אַ פיש, און דער וואָס וועט פאַסטן און דער וואָס טוט אַן אַרבעט אין טאָג פון שבת, דער וואָס טוט איינע פון די זאַכן אין טאָג פון שבת — זאָל געטייט ווערן, כדי די קינדער פון ישראל זאָלן היטן שבת לויט די געזעצן פון די ערדישע שבתים. ווי ער האָט איבער־געשריבן פון די הימלישע לוחות, וואָס ער האָט מיר געגעבן אין האַנט, כדי איך זאָל דיר פאַרשרייבן די געזעצן פון דער צייט, און די צייט לויט דער איינטיילונג פון אירע טעג.

## פון בוך: „דאָס לעבן פון אדם און חוה"

נאָכדעם, ווי חוה האָט אָפּגערעדט די דאָזיקע רייד צו אירע קינדער, האָט זי אויסגעשפּרייט אירע הענט צום הימל אין תפילה, און אירע קני האָט זי געבויגן ביז צו דער ערד און דאַנקענדיק און לויבנדיק גאָט איז זי אויסגעגאַנגען און געשטאָרבן. און אַלע אירע קינדער האָבן זי מקבר געווען און געוויינט אַ גרויס געוויין. נאָכדעם ווי זיי האָבן פיר טעג געטרויערט האָט זיך צו זיי אַנטפּלעקט מיכאל, דער מלאך וואָס שטייט פאַר גאָט'ס פּנים, און געזאָגט צו שת'ן: גאָטלעכער מאַן, זאָלסט ניט טרויערן אויף קיין טויטן מער פון זעקס טעג; ווייל דער זיבעטער טאָג איז אַ טאָג פון רו, אַ צייכן אויף תחית־המתים אין סוף פון די טעג, און אויפן זיבעטן טאָג האָט גאָט גערוט פון גאָר זיין אַרבעט.

(פּרק „מות חוה")

## פון דער אידיש־גריכישער ליטעראַטור

### אַריסטובלוס

(אַריסטובלוס איז געווען דער ערשטער אידישער פילאָזאָף, וואָס האָט זיך געמיט צו מאַכן שלום צווישן אידנטום און גריכישער פילאָזאָפיע. ער האָט געלעבט אַרום הונדערט יאָר פאַרן חורבן)

וועגן ענין פון וועלט־באַשאַף אין זעקס טעג: „און ער האָט גערוט אויפן זיבעטן טאָג" — — ניט חלילה, אַז ס'האָבן זיך געפונען סימנים פון שוואַכקייט אָדער מידקייט אין בורא, נאָר די כוונה איז, אַז אויף אַלץ איז דאָ אַ שעה און אַ צייט פאַר איטלעכער זאַך אונטערן הימל, און אַז אַלע טראָפן און געשעענישן דערפילן זייערע אויפגאָבן אין פאַרבינדונג מיט די אורזאַכן און זייערע רעזולטאַטן. און וויבאַלד אַזוי, איז אין מאמר „און ער האָט גערוט אויפן זיבעטן טאָג", ניטאָ דער מיין, אַז גאָט'ס ווירקונג אין זיין וועלט האָט זיך אָפּגעשטעלט, נאָר אַז ער האָט איינגעשטעלט די געזעצן פון הימל און ערד און אַלץ וואָס אין דער וועלט געפינט זיך, און די דאָזיקע געזעצן וועלן זיך פון פאַרן בורא ניט ענדערן, און ער גיט השגחה אויף זיי, אַז זיי זאָלן ניט ענדערן זייערע אויפגאָבן. און דער טעם פאַר די „זיבן טעג" פון וועלט־באַשאַף: „אַז זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די ערד און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער אויפגעהערט און גערוט" — — ווייל דער צאָל „זיבן" באַזיצט אַ גרויסן סוד אין דעם גאַנצן באַשאַף און אין

דער פירונג פון דער וועלט. און אומעטום וואו ס׳ווערן אין פסוק דערמאָנט גאָט׳ס מעשים, איז די כוונה אויף די כוחות פון דער נאַטור וואָס האַלטן אין איין ווירקן און הערן ניט אויף.

# פילון האלכסנדרוני

**.1**

## דער געבוירנטאָג פון דער וועלט

נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעגעבן כבוד דעם וועלט־באַשעפער האָט דער נביא (משה) זיך אויפגעשטעלט און באַקרוינט דעם הייליקן שבת, ווייל ער האָט געזען מיט זיין שאַרף אויג, אַז זיין פּראַכט וואָס איז העכער פון יעדער אַנדער פּראַכט איז פאַרזונקען אין גאַנצן וועלט־בנין און זעט זיך אַרויס אין געשטאַלט פון דער נאַטור גופא. ווייל אַזוי האָט ער אויסגעפונען און אַרויסגעבראַכט דורך זיין פאָרשן, אַז דער זיבעטער טאָג איז אויך דער וועלט׳ס געבוירנטאָג, אַז דער הימל און די ערד און אַלע באַשעפענישן וואָס אויף דער ערד — פייערן אים מיט שמחה און צופרידנהייט צוליב דעם צאָל זיבן, וואָס איז אומעטום אַ האַרמאָנישער צאָל. און מחמת דעם טעם, האָט משה, וואָס איז געווען גרויס אין אַלע זיינע דרכים, באַפוילן די מענטשן פון זיין הייליקער עדה צו פייערן דעם טאָג שבת לויט דעם סדר פון דער נאַטור, ווי אַ פאָלקס יום־טוב, מיט אַ פריידיקן געמיט און חדוה, דורך זיין אָפּגעשיידט פון פעלד־אַרבעט, פון יעדער האַנט־אַרבעט וואָס ווערט געטאָן פאַר געצאָלט, און פון יעדער פּעולה וואָס באַצוועקט צופרידנצושטעלן זייערע באַדערפענישן; דורך פולשטענדיקער מנוחה און צוריקגעהאַלטנקייט פון יעדער שווערער מידמאַכנדיקער דאגה. זיי זאָלן נאָר אין זייער פרייער צייט זיך ניט אָפּגעבן מיט ליצנות און נאַרישקייטן פון ליצנים און טענצער, נאָר בלויז מיט פילאָסאָפישע לימודים. ניט מיט יענער פילאָזאָפיע, מיט וועלכער די פוסטע פּלוידערער און סאָפיסטן פאַרנעמען זיך... נאָר מיט דער אמת׳ער פילאָזאָפיע, וואָס איז באַגרינדעט אויף אידייען, זאַכן און מעשים, און נעמען זיך צונויף אין איין גאַנצקייט, מיטן צוועק צו דערגרייכן תענוג און גליקזעליקייט.

(משה׳ס לעבן 3)

און באמת, נאָכדעם ווי די וועלט איז פאַרענדיקט געוואָרן אין זעקס טעג, לויט דער טבע פון צאָל זעקס, וואָס איז די קרוין פון שלימות, האָט דער האַר פון אַלע מעשים באַצייכנט דעם זיבעטן טאָג נאָך זיי, דורך אַ מידה וואָס קען העכער ניט געבן, דורך דעם, וואָס ער האָט אים געבענטשט און געהייליקט. ווייל דער דאָזיקער טאָג איז ניט אַ פייערטאָג פון עפּעס אַ שטאָט, אָדער ערגעץ אַ לאַנד — נאָר פון דער גאַנצער וועלט, און דער אמת איז,

אַז ער פאַרדינט מען זאָל אים אָנרופן יום־טוב סיי פון דעם יחיד און סיי פון כלל, און געבורט־יום־טוב פֿן דער וועלט. איך וואונדער מיך, צי ס'איז פאַראַן אַ מענטש, וואָס זאָל קענען גענוג לויבן דעם צאָל זיבן, ווייל ער איז דערהויבענער פון יעדער לויב. און הגם ער איז זייער וואונדערלעך און ס'איז ניטאָ גענוג ווערטער אין שפּראַך אים צו דערקלערן, טאָרן מיר אָבער וועגן אים ניט שווייגן, נאָר מיר זיינען מחוייב לכל הפחות פּרואוון צו דערקלערן וואָס מיר באַגרייפן מיט אונדזער פאַרשטאַנד, הגם מיר זיינען ניט אימשטאַנד אויסצורעכענען אַלץ, אָדער אפילו דעם עיקר פון זאַכן. (נאָכדעם קומען דעטאַליזירטע חקירות וועגן דעם כאַראַקטער און מעלות פון צאָל זיבן) אַזוי אומגעפער און מערער רעדט מען און טראַכט וועגן צאָל זיבן. און דעריבער האָט ער זוכה געווען און דערגרייכט בטבע צו דער העכסטער מדרגה און די דענקער צווישן די העלעניסטן און באַרבאַרן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דער חכמה פון מאַטעמאַטיק טיילן אים איין גרויס כבוד. אָבער מער פון זיי אַלע האָט אים באַצייכנט משה דער מאַן פון גערעכטיקייט, וואָס האָט דערקלערט זיין רום אין די הייליקע לוחות פון דער תורה און אים איינגעקריצט אין די הערצער פון זיין עדה דורך דעם, וואָס ער האָט זיי באַפוילן הייליק צו האַלטן תמיד דעם זיבעטן טאָג צום סוף פון זעקס טעג, זיך אָפּצוהאַלטן פון יעדער מלאכה וואָס מען קען זיך דערפון מפרנס זיין און בלויז זיך אָפּצוגעבן מיט טיפע חקירות, ווי אויסצובעסערן די מידות און באַנעמען דאָס קול פון יצר־טוב, וואָס איז איינגעפלאַנצט אין מענטשס האַרצן.

(וועגן וועלט־באַשאַף, קאַפּיטל ל, מ״ג)

2.

# אַ טאָג פון רו פאַר אַלע באַשאַפענע

ווער ווערט ניט אָפּגעבן קיין כבוד דעם דאָזיקן הייליקן טאָג, וואָס גיט אַן אָפּרו פון דער אַרבעט, מיר און מיינע נאָנטע, און ניט בלויז צו די פרייע מענטשן אַליין, נאָר אפילו אויך צו די קנעכט און צו לאַסט־בהמות. וואָרן פון אָפּרו פון דער אַרבעט האָבן הנאה אַלע שקלאַפן און אַלע בהמות, וואָס די נאַטור האָט זיי באַשטימט צו זיין קנעכט ביים מענטשן, און אַלע ביימער און אַלע מינים פלאַנצן. ווייל מען טאָר ניט אָפּרייסן קיין צווייג און קיין ריטל און אפילו קיין בלעטל. מ'טאָר ניט אָפּפליקן קיין אירגענד וועלכע פרי, אַלץ ווערט צורו געלאָזן אין דאָזיקן טאָג און איז פריי אין אַ געוויסן זין, ווייל דער מענטש טאָר אויף קיין זאַך ניט לייגן זיין האַנט, ווי אויף אַ מלכ'ס באַפעל.

(משה'ס לעבן, 2)

.3

# טאָג פון תורה, טאָג פון נשמה און פרייהייט

דעריבער איז דער דאָזיקער טאָג ראוי, באַטראַכט צו ווערן ווי דער געבווירנטאָג פון דער וועלט, וואָס אין אים האָט זיך אַנטפּלעקט דאָס הויפּט־ווערק אין זיין פולע שלימות, באַהאַפטן פון טיילן פון פולער שלימות. ווייל די תורה האָט פאַרבאָטן צו טאָן וועלכע ניט איז אַרבעט, אָבער ניט ווייל די תורה וויל איינגעוואוינען דעם מענטשן צו לייכטזיניקייט... נאָר כדי צו פאַרלייכטערן פון אים דעם דרוק פון שטענדיקער אומאויפהערלעכער אַרבעט און דורך דעם וואָס זי גיט אים אַן איינגעשטעלטע צייט אויף צו רוען — צו פאַרשטאַרקן און באַנייען זיינע כוחות צו אַקטיוויטעט... אָבער הגם זי האָט פאַרבאָטן אויפן זיבעטן טאָג אַלע פיזישע אַרבעטן, האָט זי דערלויבט זיך צו באַשעפטיקן מיט דערהויבענע זאַכן, ווי דהיינו, מיט רעדעס און מיט לעקציעס וועגן מאָראַל; זי איז זיי מעורר אין דעם דאָזיקן טאָג זיך צו פאַרנעמען מיט פילאָזאָפיע אויף צו פאַרשענערן אונדזער גייסט און געדאַנק. ווייל דורך די שבתים זיינען אין אַלע שטעט אָפן אַן אַ שיעור שולן פאַר וויסן און באַלערונג, פאַר קרעפטיקן און מוטיקן דאָס האַרץ און פאַר אַלע אַנדערע גוטע מידות; דאָרטן זיצן מענטשן מיט אַ סדר און מנוחה און האָרכן אויס די לערער מיטביידע אויערן, ווייל זיי זיינען דאָרשטיק צו לערנען און צו וויסן; און איינער פון די מער געלערנטע מענטשן שטייט און גיט זיי אַ לעקציע וועגן ניצלעכע געגנשטאַנדן, וואָס זיינען צו פאַרשענערן דאָס גאַנצע לעבן פון מענטשן... פונדאַנען זעסטו באַשיימפערלעך, אַז משה לאָזט ניט אויף איין רגע אַרומגיין ליידיק יענע מענטשן וואָס האַלטן זיך אָן זיין הייליקער תורה. פאַרקערט, וויבאַלד מיר זיינען צונויפגעשטעלט פון מאַטעריע און גייסט, האָט ער באַשטימט פאַרן גוף די אַרבעט וואָס פאַסט זיך פאַר אים און פאַרן גייסט, די פאַסיקע באַשעפטיקונג פאַר אים, און האָט מתקן געווען אַז זיי זאָלן זיך ביידע בייטן און אַזוי נאָך רוט די נשמה ווען דער גוף טוט זיין אַרבעט, און אַרבעט אין דער צייט ווען דער גוף רוט זיך, און דורך דעם געפינסטו אַז די אָנגעזעענסטע וועגן פון לעבן, די וועגן פון הלכה און טאַט, האַלטן זיך אין בייטן און מאַכן פלאַץ איינער פאַרן אַנדערן. פאַרן פּראַקטישן לעבן און פיזישער אַרבעט איז געשטעלט געוואָרן דער צאָל זעקס, און פאַרן גייסטיקן לעבן איז געשטעלט געוואָרן דער צאָל זיבן, פאַר דער אויפמונ־טערונג פון שכל און פאַר גייסטיקער שלימות.

אָבער אין דעם דאָזיקן טאָג טאָר מען קיין פייער ניט אָנצינדן, ווייל עס דינט ווי אַן אָנהייב און אַ קוואַל פאַר אַלע טעטיקייטן פון פּראַקטישן לעבן. וואָרן אָן פייער איז אוממעגלעך צו טאָן אַן אַרבעט פון די מלאכות וואָס זיינען אומבאַדינגט נייטיק צוצוגרייטן לעבנס־באַדערפענישן. און פון

דעם דרינגסטו, אַז פון דעם דאָזיקן איינציקן פּאַרבאָט פון דעם ערשטן וויכטיקסטן באַדינג פאַר יעדער אַקטיוויטעט און האַנט־אַרבעט, איז אויך פאַרמיטן צו טאָן אינדיווידועלע מלאכות. נאָר משה האָט אויך צוגעגעבן אַנדערע באַפעלן — געוויס ווייל ער האָט געהאַט אין זינען ווידערשפּעניקע מענטשן וואָס פּאָלגן ניט אויס קיין געזעצן איז אים נישט גענוג געווען דאָס וואָס ער האָט באַפוילן פרייע מענטשן ניט צו טאָן קיין אַרבעט אום שבת, נאָר ער האָט אויך אַרויסגעוואָרפן די אייגענע גזירה אויף די שקלאַפן און דינסטן, און דורך דעם האָט ער זיי געגעבן פולשטענדיקע רו און כמעט פרייהייט צום סוף פון יעדע זעקס טעג. דערמיט האָט ער בײדע געגעבן אַ טייערע לעקציע: די האַרן — בעט ער, זיי זאָלן זיך איינגעוואוינען צו טאָן אַליין פאַר זיך זייער אַרבעט און ניט אַרויסצוקוקן אויף דער הילף פון זייערע שקלאַפן... און וואָס אָנבאַלאַנגט די שקלאַפן, דאַרפן זיי זיך ניט אָפּווענדן פון דער ליכטיקער האָפענונג, אַז וויבאַלד די רו וואָס קומט נאָך יעדע זעקס טעג דינט זיי ווי אַ ליכטיקער שטראַל און אויפבליץ פון פרייהייט, קענען זיי דערוואַרטן, אַז אויב זיי וועלן זיין געטריי און איבערגעגעבן צו זייערע האַרן, וועלן זיי סוף כל סוף דערגרייכן צו עכטער פרייהייט. און אמת׳דיק, אויב די פרייע מענטשן וועלן זיך פון צייט צו צייט, אָפּגעבן מיט שקלאַפישע אַרבעט און די שקלאַפן וועלן זיין באַפרייט פון צייט צו צייט, וועט דעם מענטשנס לעבן זיך פאַרשענערן בתכלית השלימות, ווייל סיי די וואָס געפינען זיך אין אַ ליכטיקן מצב און סיי די וואָס געפינען זיך אויף נידעריקער מדרגה — וועלן געדענקען, אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך און זיי וועלן דער־פילן זייערע פליכטן איינע צו די אַנדערע מיט גערעכטיקייט. נאָר די תורה האָט געגעבן אין דעם טאָג פון שבת ניט בלויז צו די שקלאַפן אַליין, נייערט אויך צו דער בהמה. וואָרן לויט דער נאַטור זיינען דאָך די שקלאַפן פרייע מענטשן — וואָרן בטבע איז דאָך אַ מענטש ניט קיין געבאָרענער שקלאַף — בעת די בעלי־חיים אָן שכל זיינען באַשאַפן געוואָרן פאַרן מענטשלעכן געברויך און שטייען צו זיין דינסט, און דעריבער שטייען זיי אויף אַ קנעכטישער מדרגה; און פונדעסטוועגן, וויבאַלד זיי זיינען געצוואונגען צו טראָגן משא און צו טאָן אַרבעט און זיך צו מיען לטובת פון זייערע באַלעבאַטים, זיינען זיי אויך זוכה צו רוען אין טאָג פון שבת... אַפילו אַן אָקס, וואָס עקזיסטירט אויף דער וועלט כדי אויסצופירן אַ מלאכה אין וועלכער ס׳איז פאַראַן אַ באַדערפעניש און גרויסע נוצן פאַרן מענטשנס לעבן — שפּאַנט מען ניט אין יאָך אין דעם דאָזיקן טאָג, כדי ער זאָל אָנטייל נעמען אין דעם געבוירנ־טאָג פון דער וועלט. און אַזוי שפּרייט זיך אויס די קדושה פון שבת אויף אַלע באַשאַפענע.

(וועגן די געזעצן 2)

.4

# דאָס אָפּהיטן פון שבת

די פערטע דברה זאָגט אָן וועגן הייליקן שבת, אַז מען זאָל אים פייערן דורך פרומקייט און אויף אַן אופן וואָס איז אָנגעלייגט ביי גאָט אין די אויגן. אייניקע לענדער פייערן זייער שבת איינמאָל אין חודש. ווייל זיי ציילן לויטן מולד פון לבנה, אָבער דאָס אידישע פאָלק פייערט זיין שבת אין זיין אָרדענונג נאָך יעדע זעקס טעג. אַ וויכטיקן טעם דערפאַר גיט די דערציילונג פון וועלט־באַשאַף: דאָרטן שטייט, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אין זעקס טעג, און אופן זיבעטן טאָג, ווען די שאַפונגס־טאַט איז פאַרענדיקט געוואָרן, האָט גאָט אָנגעהויבן זיך צוקוקן צו דעם געשאַפענעם. און דעריבער האָט ער באַפוילן אויף אַלע צוקינפטיקע מענטשן, וואָס וועלן וואוינען אין דער דאָזיקער מדינה נאָכצופאָלגן אין גאָטס דרכים אויך אין דעם, ווי אין אַלע אַנדערע זאַכן; זעקס טעג אין וואָך צו טאָן זייער אַרבעט און צו רוען אויפן זיבעטן טאָג, זיך צו פאַרנעמען מיט דענקען און זיך צוקוקן צו דער נאַטור, און איבערהויפּט, זיך צו פאַרטיפן אין זיך, צי זיי האָבן דורך דער וואָך באַגאַנגען ניט קיין שיינע מעשים. אָפּגעבן זיך אַליין אַ דין וחשבון, פאַר דער אייגענער נשמה, אויף דעם וואָס זיי האָבן געטאָן אָדער גערעדט און דורך דער דאָזיקער אונטערזוכונג, מיט דער הילף פון דער תורה׳ס געזעצן, מתקן צו זיין די פעלערן און זיך אויסצוהיטן פון נייע טעות׳ן. אָבער גאָט האָט באַשאַפן און פאַרפאָלקאָמט די וועלט אין איינע זעקס טעג, הגם אין דער אמת׳ן האָט ער קיין שום מאָס פון צייט ניט געדאַרפט האָבן; נאָר דער מענטש, וואָס איז פון נאַטור אויס שטערבלעך און דאַרף האָבן אַ סך זאַכן כדי צופרידנצושטעלן זיינע לעבנס באַדערפעניש, קען דאָך ניט רוען ביזן סוף פון זיינע יאָרן — דערפאַר אָבער איז ער מחויב צו רוען אין די שבתים. איז דאָס ניט אַ וואונדערלעכע תורה, וואָס האָט אין זיך אַלץ, כדי צו העלפן יעדער גוטער מידה, און איבערהויפּט די מידה פון פרומקייט. ער (דער געזעצגעבער) זאָגט דורך דעם אומגעפּער אַזוי: „דו זאָלסט תמיד גיין אין די מידות פון דיין באַשעפער. ער זאָל דיר זיין אַ דערהויבענער מוסטער, צו באַשטימען אַ צייט פאַר דיינע געשעפטן, אַ צייט פון זעקס טעג, וואָס אין דער צייט האָט גאָט באַשאַפן די וועלט; און דער זיבעטער טאָג אין וועלכן ער האָט באַטראַכט זיין מעשה־יצירה, ווי ס׳שטייט געשריבן, זאָל דיר זיין אַ מוסטער, אַז דו זאָלסט אויך זיך צוקוקן און באַטראַכטן די מעשים פון נאַטור און אויך זיך אַריינטראַכטן וועגן תכלית פון דיין לעבן און דיינע שטרעבונגען — פון דיין אייגענעם גליק״.

(וועגן די עשרת־הדברות, פרק כ׳)

# יוסף בן מתתיהו

.1

## די מלחמה מיט פּאָמפּעיוסן

פּאָמפּעיוס האָט געהייסן פאַרשיטן דעם גראָבן וואָס אויף דער צפון־זייט און דעם גאַנצן טאָל, און זיינע חיילות האָבן געבראַכט דעם גאַנצן מאַטעריאַל, וואָס ער האָט דערפאַר באַדאַרפט האָבן. אָבער ס'איז שווער געווען אָנצופילן דעם גראָבן, מחמת ער איז געווען זייער טיף, און די אידן אויף דער מויער האָבן געשטערט די אַרבעטער מיט אַלע זייערע כוחות. און כמעט, אַז ס'וואָלט זיך ניט איינגעגעבן די רוימער דורכצופירן זייער אַרבעט, ווען פּאָמפּעיוס וואָלט ניט אָפּגעוואַרט צו טאָן די אַרבעט דורכן שבת'דיקן טאָג, ווען אידן זיינען אָפּגעהיט ניט צו טאָן קיין שום אַרבעט, לויט די חוקים פון זייער גאַטעסדינסט; אין יענע טעג האָט ער געהייסן אויפהייבן דעם אָנשיט און ער האָט אָפּגעהאַלטן זיינע חיילות ניט אָנצוגרייפן אין יענעם טאָג די אידן, ווייל בלויז אויף צו באַשיצן זייערע לעבנס קעמפן זיי אין יענעם טאָג. און אַט איז דער טאָל פאַרשאָטן געוואָרן און פּאָמפּעיוס האָט געהייסן אויפ־צושטעלן הויכע טערעמער אויפן אָנשיט און דערנענטערט די קריגס־מאַשינען, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן פון צור און גענומען שטורעמען די מויערן פון הר־הבית.

(מלחמות היהודים ספר א' פרק ז')

.2

## די איסיים

און אין די טעג פון שבת זיינען זיי (די איסיים) מחמיר ניט צו טאָן קיין שום אַרבעט, מער פון אַלע אַנדערע אידן. ניט גענוג פאַר זיי, וואָס זיי גרייטן צו דאָס עסן פון ערב־שבת, וואָס זיי מאַכן ניט קיין פייער אין יענעם הייליקן טאָג, נאָר זיי וואָגן ניט אפילו איבערצושטעלן אַ כלי פון איין פּלאַץ אויפן אַנדערן און אַרויסגיין אין דרויסן. (פאַר זייערע נאַטירלעכע באַדערפענישן)

(דאָרט, ספר ב' פרק ח')

.3

## יוחנן פון גוש־חלב צו טיטוסן

און יוחנן (פון גוש־חלב) האָט זיך געווענדט צו טיטוסן מיט די ווער־טער: די עצה וואָס דו גיסט מיר געפעלט מיר און איך בין בכוח איבערצו־ריידן יענע וואָס זיינען איינגעשפּאַרט, אָדער זיי אָפּצוהאַלטן איבערגעוואָלט.

אָבער דו, טיטוס, דאַרפסט לאָזן די אידן אָפּהיטן דעם דאָזיקן טאָג, ווי דער דין איז, ווייל דאָס איז דער טאָג פון שבת, און אין אים טאָרן מיט ניט אַרויס אין מלחמה און אַפילו ניט פאַרהאַנדלען פרידן מיטן שונא. ס'איז דאָך ניט פאַרהוילן פון די אויגן פון די רוימער, אַז ס'איז ביי אונדז אַ געזעץ צו רוען יעדן זיבעטן טאָג, און אויב איר וועט אונדז צווינגען איבערצוטרעטן דעם דאָזיקן געזעץ, וועט אייער שולד, איר וואָס מאַכט אונדז זינדיקן, זיין גרעסער פון דער שולד פון די געצוואונגענע.

(דאָרט, פרק ב׳ פּאַראַגראַף ג׳)

4.

# תקיעות ערב־שבת און מוצאי־שבת

און נאָך האָבן די קנאים אויפגעבויט פיר מעכטיקע טורעמס, און פון דער הויך געשאָסן זייערע פיילן אויף די מענטשן. איין טורעם איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין מזרח — צפונ׳דיק ווינקל, דער צווייטער איבער דער לשכת הגזית, דער דריטער פון אַן אַנדער ברעג אַנטקעגן דער אונטערשטער שטאָט, און דער פערטער איז אויפגעבויט געוואָרן איבער דעם גרעסטן שפּייכלער פון בית־המקדש, אויפן פּלאַץ וואו איינער פון די כוהנים פלעגט זיך נוהג זיין זיך אַוועקצושטעלן יעדן ערב־שבת און בלאָזן אין טראָמפּייט, ווי אַ צייכן, אַז ס׳איז נאַכט (די נאַכט פון שבת) און אַזוי פלעגט ער אויך טאָן מאָרגן אין אָוונט, ווייל דער ערשטער סיגנאַל האָט געלערנט דעם פאָלק צו רוען פון יעדער אַרבעט, און דער צווייטער סיגנאַל — צוריקצוגיין צו דער אַרבעט. אויף די שפּיצן פון די דאָזיקע טורעמס האָבן די קנאים אַוועקגעשטעלט זייערע פלינקע שליידער־מאַשינען.

(דאָרט, ט׳ י״ב)

5.

# דער טייך פון שבת

און אויף זיין וועג דורך סוריה האָט טיטוס געזען אַ טייך, וואָס ס׳איז ווערט מ׳זאָל דערציילן פון אים. ער געפינט זיך אויפן וועג צווישן ערקה, און אַגריפּסעס מלוכה, און צווישן רפנאה, און ער האָט אַ מערקווירדיקע אייגנשאַפט: ווען ער שטראָמט איז ער פול מיט וואַסער און ער שטראָמט מיט האַסט. נאָכדעם, ווערט ער פאַרשוואונדן אויף גאַנצע זעקס טעג נאָכאַנאַנד אין זיין גאַנצער לענג ביז זיינע קוואַלן, און זיין שטח זעט אויס אינגאַנצן טרוקן. אָבער אויפן זיבעטן טאָג שיקט ער ווידער אַרויס זיינע וואַסערן, ווי ס׳וואָלט קיין ענדערונג מיט אים ניט פאַרגעקומען. און ס׳איז שוין לאַנג אויס־

געפּאַרשט געוואָרן, אַז פון אייביק אָן היט דער טייך אָפּ פּינקטלעך די דאָזיקע געזעצן און דעריבער האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן: „דער טייך פון שבת" (סאַבאַטיקוס) אויפן נאָמען פון זיבעטן טאָג, וואָס איז הייליק ביי אידן.

(דאָרט ספר ז׳ ח׳)

## .6

# אין לויב פון היטן שבת

אַגאַטאַרכידעס דערציילט די פאָלגנדיקע זאַכן — — — און ער שרייבט אַזוי: „אָט די וואָס ווערן אָנגערופן אידן, וואָס וואוינען אין אַ שטאָט, וואָס איז שטאַרקער און פעסטער פון אַלע אַנדערע שטעט, וואָס די באַוואוינער אירע האָבן אַ נאָמען געגעבן ירושלים, זיינען געוואוינט צו רוען אויפן זיבעטן טאָג און זיי גורטן ניט אָן קיין שווערד אין דאָזיקן טאָג און זיי באַאַר־בעטן ניט די ערד און טוען ניט אין יענעם טאָג קיין שום אַרבעט — נאָר זיי האַלטן אויסגעשפּרייט זייערע הענט און דאַוונען אַ גאַנצן טאָג ביזן אָוונט אין זייערע הייליקע הייזער. און ווען תלמי בן לאַגאָס איז געקומען מיט זיין חיל אין די טויערן פון דער שטאָט און אירע איינוואוינער האָבן אָפּגעהיט אָט דעם נאַרישן געזעץ זייערן — איז אָנשטאָט צו באַוואַכן זייער שטאָט, איז די נחלה פון זייערע עלטערן אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ שטרענגן האַר — — —." איז דאָס ביי אַגאַטאַרכידוסן אין די אויגן געווען צום געלעכטער, אָבער יענע מענטשן וואָס ווען די זאַך באַטראַכטן אָן שלעכטע כוונות, וועלן אַנטפּלעקן אַז שיין און לויבנסווערט זיינען די מעשים פון מענטשן, וואָס זייערע געזעצן און פּאָרכט פאַר גאָט זיינען ביי זיי אין די אויגן טייערער פון זייער לעבן און פון דער פרייהייט פון זייער לאַנד.

(יוסף אַנטקעגן אַפּיאָן, מאמר א׳)

נון, פון אונדז זיינען די געזעצן אַנטפּלעקט געוואָרן צו אַלע אַנדערע מענטשן, וואָס האָבן פון דור צו דור זיי אייפערדיק אָפּגעהיט. די ערשטע זיינען געווען די גריכישע חכמים (די פילאָזאָפן), וואָס פאַרן אויג האָבן זיי אָפּגעהיט די מנהגים פון זייערע עלטערן, אָבער אין זייערע ספרים און זייער חכמה זיינען זיי געגאַנגען אין משה׳ס וועגן, ווייל אין זייער געדאַנק האָבן זיי געדענקט דאָס אייגענע וואָס ער וועגן גאָט, און אַזוי ווי ער האָבן זיי געלערנט וועגן אָרנטלעכקייט אין לעבן און התקרבות פון מענטש צו מענטש. אויך צווישן די מאַסן האָט זיך געשטאַרקט פון אַ סך דורות דער צאָל מענטשן וואָס האַלטן פון אונדזער גאָטעסדינסט, און ס׳איז ניטאָ קיין איין שטאָט פון די גריכישע שטעט, וואו ס׳האָט זיך ניט פאַרשפּרייט דער מנהג פון זיבעטן טאָג אין וועלכן מיר רוען פון יעדער אַרבעט, און אויך דאָס אָפּהיטן

פון פאַסט־טעג און אָנצינדן ליכט און אַ סך געזעצן פון דער דיעטע, וואָס זיינען אונדז פאַרזאָגט געוואָרן.

(דאָרט, מאמר ב׳ פּאַראַגראַף ל״ט)

.7

## דורך דער מלחמה־צייט אין טבריה

ווען איך האָב דאָס דערהערט, (אַז די מענטשן פון טבריה גייען מורד זיין אין אים) האָב איך מיך שטאַרק דערשראָקן; ווייל מיינע באַוואָפנטע מענטשן האָב איך שוין געהאַט אַוועקגעשיקט פון טראַכיי (אַ פעסטונג נאָענט צו טבריה) יעדן איינעם אַהיים, ווייל דער מאָרגנדיקער טאָג איז געווען שבת און כ׳האָב נישט געוואָלט, אַז די מענטשן פון טבריה זאָלן געשטערט ווערן יענעם טאָג פון צופיל זעלנער... און שיקן רופן מיינע זעלנער צוריק — האָב איך ניט געהאַלטן פאַר ריכטיק, ווייל דער טאָג איז שוין געווען כמעט אַריבער; און אפילו ווען די זעלנער וואָלטן געווען מיט מיר, וואָלט איך אויך ניט געקענט נעמען וואָפן אין האַנט אין יענעם טאָג, ווייל די געזעצן פון דער תורה פאַרבאָטן אונדז דאָס צו טאָן, און אפילו ווען ס׳האַנדלט זיך מכוח אַ נייטיקער באַדערפעניש.

(יאָזעפוס לעבן, פּאַראַגראַף ל״ב)

אין יענעם טאָג האָבן זיי זיך אַלע צונויפגעזאַמלט אין שול... נאָר די רייד פון רעדנער זיינען דעם עולם ניט געפעלן געוואָרן און זיי זיינען גרייט געווען צו מאַכן אַ טומל, ווען ניט פאַר דער זעקסטער שעה, און צוליב איר איז זיך די אסיפה צעגאַנגען, ווייל אין יענער שעה אין טאָג פון שבת מוזן מיר, לויט אונדזערע געזעצן, זיך זעצן צום טיש עסן.

(דאָרט, פּאַראַגראַף נ״ד)

.8

## דאָס אָפּהיטן שבת אין חוץ־לארץ

ניקאָלאַס פון דמשק שרייבט אין זיין געשיכטע: ווען אַנטיוכס האָט אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל פון נצחון ביים טייך ליקוס, נאָכדעם ווי ער האָט מנצח געווען אינדאַטוסן, דעם פירער פון די פּאַרטהיאַנער, איז ער דאָרטן געשטאַנען צוויי טעג. ער האָט דאָס געטאָן אויף דער בקשה פון הורקנוס דעם איד, ווייל ס׳איז דאַן געווען יום־טוב, וואָס זיי האָבן איבערגענומען פון זייערע עלטערן, אַ יום־טוב אין וועלכן „מ׳טאָר ניט מאַרשירן." „און באמת, די דאָזיקע רייד זיינע זיינען ריכטיק; ווייל יענער יום־טוב, וואָס מיר רופן אים אָן שבועות איז אויסגעפאַלן אויף מאָרגן נאָך שבת, און לויט די געזעצן

פון אונדזער תורה טאָרן מיר ניט מאַכן קיין מאַרשרוט, ניט שבת און ניט יום־טוב.

(קדמוניות היהודים, ספר י״ג, פרק ח׳)

**9.**

# אידן באַקלאָגן זיך פאַרן רוימישן קאָנסול אויף די גריכן

אויפן זיבעטן טאָג האַלטן מיר זיך אָפּ פון יעדער אַרבעט; דער דאָזיקער טאָג איז הייליק צו לערנען אונדזער תורה און אונדזערע געזעצן, ווייל מיר האַלטן פאַר ריכטיק זיי צו לערנען, אַזוי ווי יעדער אַנדער גוטע זאַך, כדי מיר זאָלן ניט קומען צו קיין זינד און זיי לייגן אויף אונדז צינזן און זיי ברענגען אונדז אין די געריכט־הייזער אין אונדזערע הייליקע טעג.

(דאָרטן, ספר ט״ז, פרק ב׳)